פרייז $1.00

Hakiryah

# הקריה

אדר תשע"ג לפ"ק

קרית יואל יצ"ו

138

בס"ד


# היסטארישער דורכברוך ווערט געפלאנט מיט'ן שאפונג פונעם "מירון-רימינו קאנעקטאר ראוד" צו באהעפטן צוויי עקן פון קרית יואל

## אנטשפרעכט בעזהשי"ת שטארק צו לינדערן דעם שטייגענדן טראפיק פראבלעם אויף די צענטראלע גאסן

אין א שטארק פאזיטיוון שריט אינעם אנטוויקלונג פונעם קרית יואל'ער אינפראסטראקטור, איז דער ווילעזש צופרידען צו מעלדן איבער די פלענער פון צוזאמענברענגען צוויי עקסטרעם-ווינקלען פון די שטאט, דורכן בויען א שפאגל נייעם ראוד וואס וועט באהעפטן מירון דרייוו צו רימינאוו קאורט.

ווי עס איז באקאנט פאר תושבי קרית יואל, איז אין די לעצטערע פאר יאר אנשטאנען א וואקסענדן פראבלעם פאר א גרויסן ציבור איינוואוינער, מיטן אויפבליה פון די נייע געגנטער אויף דרום מזרח זייט פון די שטאט, ווי שכונת ברך משה; מירון אומגעגנט און דער ביזנעס צענטער, ארויפטרייבנדיג די פראצענטן פון קארס וועלכע ווילען אנקומען פון איין עק שטעטל צום אנדערן, און דערמיט פארשווערט די טראפיק אויף די הויפט גאסן ווי; בעיקרטאון, עיקערס און פארעסט ראוד, וואס באדייט צומאל אומזינסטע פארלענגערונגען און אומבאקוועמליכקייטן.

היסטאריש איז דער שטעטל מתחלה אויך געווען אויסגעשטעלט אויפן זעלבן אופן, ביים גרינדונג פון קרית יואל, ווי מערסטנסטייל פון די נייע תושבים האבן געוואוינט אין סעקשאן 1, בזמן וואס ביתו נאוה קודש פון מרן רביה"ק זי"ע איז געווען אויף בעיקערטאון רד. ביים אריינקום פון שטעטל, וואס דאס האט אויטאמאטיש באדייט אז א ריזיגער ציבור, פלעגט רעגלמעסיג אריבערפארן פון איין זייט צום צווייטן, דאס איז אויסער דער פיסגייער שארטקאט וואס האט עקזיסטירט אינעם וואלד, פאר מענטשן וועלכע פלעגן קומען צום רבי'נס דאווענען שבתים איידער עס

(פארזעצונג אויף זייט 17)

רייכער

# אינטערוויו

מיט

## דר. ר' יהודה זעליג קאַמינעצקי הי"ו

## Jeffrey S. Kaminetzky, MD

ניי-אויפגענומענער דירעקטאר פון "זשענעראל מעדיצין" אפטיילונג אין עזרת חולים העלט צענטער

## איינדרוקן פון 6 חדשים אלס פול-טיים דאקטאר אין עזרת חולים

זייט 20

על ביעור חמץ:

# ספעציעלע פלעצער איבער אלע עקן שטאט ווערט היי־יאר דעזיגנירט פאר "שריפת חמץ"

10 צענטראלע פלעצער ווערט צוגעשטעלט פאר די זיכערהייט פון אלע איינוואוינער געצוי ווי אין אנדערע געגנטער - וועלן אי"ה זיין אונטער פולע קאנטראל פון 'מצילי אש' און 'פובליק סעיפטי' - פולסטע קאאפעראציע ערווארטעט פון אלע תושבי קרית יואל כדי צו פארמיידן סכנות נפשות ה"י

מיט גרויס צופרידנהייט ווערט באגריסט די נייע און פיל-פארבעסערטע איינפיר פון 'שריפת חמץ', אז אנגעהויבן פון היי-יאר ערב פסח וועט אי"ה זיין צוגעשטעלט בלויז 10 צענטראלע גרויסע פייערן איבער אלע עקן שטאט, ווי עס איז שוין לאנג איינגעפירט אין אלע אנדערע געגנטער, וואו נאר דארטן וועלן די איינוואוינער קומען פארברענען די חמץ, כדי צו פארמיידן סכנות נפשות וואס קען ארויסקומען פון די פילע פריוואטע פייערן.

אין די פארגאנגענע טעג זענען אויסגעארבעט געווארן צווישן אלע ווילידזש אגענטורן די דעזיגנירטע פלעצער און אלע פרטים וויאזוי צו קענען פארבעסערן דעם סיסטעם אויף היי-יאר, אז ס'זאל זיין מער פארזיכערט און באקוועם פאר אלע איינוואוינער, פיל בעסער ווי פארגאנגענעם יאר וואס צוליב די לעצט-מינוטיגע איינשטעל איז בלויז צוגעשטעלט געווארן געציילטע פובליק פלעצער און ס'איז שווער געווען דאס פולקאם צו אינפארסירן.

דער געדאנק איינצופירן

(פארזעצונג אויף זייט 16)

# "קינדער פארק" אפטיילונג פון "רוח החיים - קור ארט" ווערט בעז"ה געעפנט דעם חוה"מ פסח הבעל"ט

4 באזונדערע פארקס פאר די גרעסערע און קלענערע יונגלעך און מיידלעך אויפצונעמען די טויזנטער קרית יואל'ער קינדערלעך בליעה"ר

## העפטיגע ארבייט גייט אן אומאויפהערליך ביים ביהמ"ד החדש "ישמח משה" בשכונת ברך משה זיך צו קענען בעז"ה אריינציען פערמענאנט אויף דעם יו"ט פסח הבעל"ט

אויספירליכע באריכט אין קומענדיגן הקרי'

## דעטאלירטע באריכטן, נוצבארע אינפארמאציע און באלערנדע פונקטן

נאך דעם העלישן פייער וואס האט ליידער פארניכטעט 6 דירות אויף פרימישלאן גאס

איבערגעגעבן דורך "חברה מצילי אש"

זייט 22

# שפּאָגל נייער פּאַרקינג לאַט פאר ווילידזש טראנספּארטאציע באסעס אריין אין באַנוץ

### געוועזענער ווילידזש טראנספארטאציע פארקינג לאט וועט באנוצט ווערן צו לינדערן דעם קאמערשאל טרעפיק ביים אריינגאנג צום דינוב ראוד

ווער עס פאָרט אַריבער אין די טעג ביי פאַרעסט ראָוד נעבן דעם אָווערפּעס, האַלט מיט די פאָרשריט וואָס עס איז געמאַכט געווארן מיט'ן אויפבויען א נייעם פּאַרקינג לאַט פאַר די לאקאלע טראנספארטאציע באסעס פונעם ווילידזש. אצינד שרייבנדיג די שורות איז שוין די סטאַנציע פולקאָם אריין אין באַנוץ מיט פלאץ פאר 8 באסעס פון די ווילידזש טראַנספּאָרטאַציע דעפּאַרטמענט.

אין לויף פון די יאָרן, מיט די וואוקס און הרחבת גבולי הקדושה אין אלע ווינקלען פון די שטאט, האָט די טראַנספּאָרטאַציע דעפּאַרטמענט שטאַרק אויסגעברייטערט איר פלאָטע פון באָסעס, וועלכע פירן ארום די איינוואוינער פון די שטאט פון איין ארט צום צווייטן אין קרית יואל, און אויך אויסער די שטאט צו פארשידענע דעסטינאציעס אין טאון און מאנרא.

די באסעס פונעם טראַנספּאָרטאַציע דעפּאַרטמענט זענען אין לויף פון די לעצטע 15 יאר געווען פלאצירט אויף דינוב ראוד, קעגנאיבער דעם בית השחיטה המהודרת, אבער אין דעם ענגן ארט אויף די דינוב גאס וואס איז מיט די צייט געווארן א פארנומענער ארט מיט די קאמערשל טרעפיק ארום די בית השחיטה המהודרת, איז נישט געווען גענוג פלאַץ צו קענען פּאַרקירן אַלע באסעס און צו פלאצירן די אלע נויטיגע עקוויפמענט וואס פעלט זיך אויס פאר די באסעס. ובפרט ווען דער ווילידזש גרייט זיך בקרוב צו פארברייטערן דעם פלאטע פון באסעס מיט נאך עטליכע באסעס וואס ווערט געשאנקען דורך די קאונטי, דערפאר האט זיך אויסגעפעלט א נייעם פאסיגן ארט צו פלאצירן די באסעס.

אויבנאויף ווען מ'רעדט פון א פארקינג לאט קוקט דאס אויס ווי א קלייניגקייט פון בלויז א ליידיגער שטח איבערגעדעקט מיט שטיינער און קוילן. אבער אין ריכטיגן פאקט איז אזא פראיעקט א קאסטבארער פראיעקט פון אריבער 150 טויזענט דאלער, וואס עס קאסט אפ אהערצושטעלן דעם שטח פונעם פארקינג לאט מיט די קאסטן פון אויפשטעלן א דויערהאפטיגן צוים ארום דעם שטח און אריינציען עלעקטעריציטעט אא"וו.

אבער אין די זעלבע צייט האט דאס אריבערפירן דעם פארקינג לאט פון די באסעס געברענגט א שטארקער בענעפיט פאר די שטאט, ובפרט פאר די איינוואוינער פון די געגנט פון שכונת ברך משה, נאכדעם וואס דער ביז יעצטיגער פלאץ וואו עס זענען געווען פלאצירט די ווילידזש באסעס וועט קענען באנוצט ווערן פאר טרעילארס וועלכע לאדענען אפ די דעליווערים פאר'ן בית השחיטה. און דערמיט וועט פארגרינגערט ווערן די טראפיק אויף די דינוב גאס.

עס דארף באמערקט ווערן אז די רעדע איז נישט דא פון א פאקטישע פארקינג לאט פאר די פילע טראקס און טרעילארס פונעם בית השחיטה, וואס פאר דעם צוועק איז ספעציעל ארויסגעדינגען געווארן מיט א צייט צוריק א גרויסן ליידיגן שטח אריבער דעם 17, קעגנאיבער לארקין ראוד, וואס געהער צו די "אר. או. עסקעוועיטינג" פירמע, און דאס דינט אלס פארקינג ארט פאר די מערערע טראקס און טרעילארס וועלכע דארפן זיך געפינען נאנט צום בית השחיטה ביים ברענגען און טראגן סחורה. נאר טראץ דעם האט זיך נאך אלס געמאכט אז אין פארנומענע צייטן זאלן זיין עטליכע טראקס וואס זאלן שטיין פאר א ווייל אויף דינוב ראוד און פארשווערן די טרעפיק. וואס דאס וועט בעז"ה עלימינירט ווערן דורכן אוועקפירן די ווילידזש באסעס פון דעם דינוב גאס.

דבר בעתו מה טוב איז דער נייער פארקינג לאט פארענדיגט געווארן בעפאר דעם יו"ט פסח ווען עס טוט זיך א גרויסער פארקער אויף די דינוב גאס פון די אידן וועלכע קומען פון נאנט און ווייט קויפן די מהודר'דיגע מצות אין דעם קרית יואל מצה בעקעריי, וואס אין אזא צייט איז טאקע וויכטיג אז די טראפיק אויף דעם פלאץ זאל זיין וואס ווייניגער אנגעלייגט מיט איבריגע באסעס און טראקס.

ויסעו ויחנו.



דער נייער פּארקינג לאט פאר די ווילידזש טראנספּארטאציע באסעס וואס איז איינגעריכטעט געווארן אויף פּארעסט ראוד אויפ'ן שטח נאך די פּובליק סעיפטי סטאנציע וועלכע איז אויך דארט איינקווארטירט געווארן פארגאנגענעם יאר

# פעדעראלע "אי. פּי. עי." און די סטעיט "די. אי. סי" מעלדן איבער אינספּעקשאנס ביי אלע בוי דעוועלאופמענטס אין קרית יואל

### צו אינפּארסירן אז בילדערס קומען נאך די שטרענגע ענווייראמענטאלע "MS4" פּארשריפטן, ווי ספּעציעלע וואסער-באַסיינען אד"ג - געצילט צו העלפן קאנטראלירן דעם וואסער קוואליטעט פון די גאנצע דעוועלאפּמענט

די פעדעראלע "ענווייראנמענטאל פראטעקשען אגענטור" (EPA) האט געמאלדן אין א בריוול פאר'ן ווילידזש, אז אין דעם נאנטן צוקונפט וועלן זיי אפהאלטן א באזוך אין קרית יואל וואו זיי וועלן גרונטליך אונטערזוכן אלע בוי דעוועלאופמענטס, צי זיי קומען נאך די נייע שווערע ענווייראנמענטאלע געזעצן וואס די רעגירונג האט איינגעפירט אין די לעצטערע יארן.

ווי שוין באריכטעט אין "הקריה" עטליכע מאל, האט די פעדעראלע רעגירונג אינאיינעם מיט די סטעיט פארשטערקערט אין די לעצטערע יארן די געזעצן צו באשיצן דעם ענווייראנמענט, ד.ה. אז די נאטור ווערט נישט געשעדיגט דורך די שריט פון דעוועלאופערס. די שטרענגערע נייע געזעצן זענען איינגעפירט געווארן אויפ'ן איניציאטיוו פון די ענווייראנמענטאליסטן, וועלכע טענה'ן אז מיט יעדן הויז וואס ווערט געבויעט, איז דער ענווייראנמענט ארום אין געפאר פון ווערן געשעדיגט, דורך דעם וואס מען האקט אויס די ביימער און מען רייסט אויס די גראזן, און אזוי ארום קען די רעגן וואסער זיך נישט איינזאפן אין די ערד, וואס איז וויכטיג פאר די פאשידענע בעלי חיים, נאר עס פליסט אוועק, ווי אויך פעלן זיך אויס די גראזן אויף דער ערד אויף צו רייניגן די רעגן וואסער, אז עס זאל נישט ווערן פארפעסטעט דורך די שמוציגע ערד, און דערנאך פארפעסטיגן די דערנעבנדיגע טייכן.

מיט פינף יאר צוריק אום יאנואר '08 למס' זענען אריין אין קראפט די נייע פעדעראלע געזעצן, וואס נעמט אריין נייע רעגולאציעס צו באצווינגען אלע בוי דעוועלאופערס וואס בויען הייזער אויף נייע שטחים, צו אינסטאלירן שווערע און קאסטבארע איינריכטונגען אכטונג צו געבן אז די ענווייראנמענט זאל נישט געשעדיגט ווערן, דאס נעמט אריין דאס אוועקגעבן גאנצע שטיקער לאנד וואס ברויך בלייבן אומאויפגעבויט, מיט פארשידענע פאטענטן אפצוראטעווען און באשיצן דעם אומגעבונג, פאר טייל תושבי קרית יואל דערמאנט דאס פון דעם ריזיגען שטיק לאנד אויף דינוב קט. אויפן וועג ארויף צו שכונת ברך משה החדשה, וואס איז אוועקגעגעבן געווארן אין ליכט פון די געזעצן, דאס לאנד נעמט אויף א שטח פון כמעט 6 אקער-לאנד, און אנטהאלט צוויי טייכליך פון רעגן וואסער וואס ווערט געזאמלט פון איבערן גאנץ בארג, צו ווערן איינגעזאפט אין דער ערד לאקאל איידער עס שווימט אוועק.

דער פעדעראלער געזעץ ווערט אינפארסירט דורך די סטעיט "דעפארטמענט אוו ענווייראנמענטאל קאנסערוועישען" (DEC), וואס זיי פארלאנגען אז יעדע בוי פראיעקט מוז פארמאגן אויפ'ן פלאץ א מענטש וואס איז דורכגעגאנגען א טרענירונגס קלאס איבער די ענווייראנמענטאל אנגעלעגנהייטן. דער מענטש ברויך צושטעלן יעדן סוף טאג א באריכט אז אלע אקטיוויטעטן אויפ'ן סייט זענען אויסגעהאלטן לויט די רעגולאציעס. אצינד האבן זיי געמאלדן אז זיי וועלן אינעם נאנטן צוקונפט קומען באזוכן אלע קאנסטראקשן ערטער אין די געגנט, צו פארזיכערן אז יעדער קומט נאך די נייע רעגולאציעס, און די אלע וואס וועלן פארלעצן דאס געזעץ וועלן באשטראפט ווערן מיט גרויסע געלט שטראפן פון צענדליגער טויזנטער דאלארן פאר יעדן פארלעצונג באזונדער.

ווער עס איז נאר אביסל באקאנט אין דעם פעלד ווייסט אז מיט די אגענטורן איז נישט קיין בא'טעמ'ט עסק זיך ארומצושפילן. און דערפאר זענען טאקע די בוי אונטערנעמער אקטיוו צו שטיין על המשמר אויף אלע בוי פראיעקטן וואס ווערן געבויעט אין קרית יואל, אז די אלע געזעצן ווערן אויסגעפאלגט לויט די פונקטליכע אנווייזונגען פון די סטעיט און קומען נאך די שטרענגע פעדעראלע פארשריפטן.

פון די אנדערע זייט האט זיך די געזעצן שווער אפגערופן אויף די צוגרייטונגען און קאסטן פון דעוועלאפן און בויען נייע דירות, דער סיבה דערצו איז צווייפאכיג, סיי מצד די ארויפגעטריבענע קאסטן ביים אויפארבייטן רויע לאנד, ווי דער בילדער איז געצווינגען געווארן אריינצולייגן גרעסערע געלטער אינעם אינפראסטקטור נאכצוקומען די ענווייראמענטאלע פארלאנגען, דאס האט צוגעלייגט צו צו די אינזשענירונגס קאסטן ביז צום עצם דעוועלאפן דאס לאנד, און באטרעפט א שיינע פאר טויזנט דאלאר פער דירה, געוואנדן לויטן גרויסקייט פונעם שטח. אבער מער פון דעם דערגרייכן די ענווייראמענטאלע פארשריפטן, אין גרויסע שטיקער לאנד וואס דער בילדער ברויך אוועקגעבן נאכצוקומען די פארלאנגען, צומאל איז די רעדע פון עטליכע עיקערס ביי איין דעוועלאפמענט, וואס אין תוך גענומען באדייט דאס אז די קאסטן פונעם שטח פער געבויטע דירה איז מיט עטליכע יאר צוריק געשטיגן עטוואס צוליב דעם, און פארשטייט זיך אז די העכערע קאסטן זענען עווענטועל טראנספערירט געווארן צו די קונים פון די דירות.

דינא דמלכותא דינא.

# גרויס סייעתא דשמיא ווען ווילידזש וואסער דעפארטמענט מצליח באדייטענד ארויפצוברענגען טעגליכען וואסער סופליי פארן פארנומענער ערב פסח סעזאן

## הוספה פון קרוב צו א פערטל מיליאן גאלאן וואסער טעגליך דורך איבערארבייטונג פון צוויי עקזיסטירנדע וואסער קוועלער #26 און #28- פלענער פאר גענצליך נייער קוואל

קרית יואל'ער איינוואוינער נעמען אויף מיט גרויס צופרידנהייט די פאזיטיווע נייעס, איבער די באדייטנדע אנטוויקלונגען ארויפצוברענגען דעם טעגליכען וואסער צושטעל, פאר קומענדיגע שטארק פארנומענער וואסער-באנוץ סעזאן פון ערב פסח, און דורכאויס דעם גאנצן זומער.

א וואסער מאנגל אין קרית יואל איז שוין לאנג נישט קיין נאווינע, קינד און קייט איז באקאנט היינט מיט די פאקטן אז קרית יואל מאכט בס"ד שטארקע פארשריט, אין א לאנג פארצויגענעם פראיעקט וואס איז באקאנט אונטער איר צויבער-טערמין 'פייפליין', ארויסצוהעלפן דעם וואקסנדען געברויך פון וואסער, נאכדעם וואס די ביז היצטיגע אונטערערדישע קוועלער זענען קוים בכח צוצושטעלן די טעגליכע וואסער געברויכן, און אוודאי ווען מ'נעמט און באטראכט דעם יערליכען נאטורליכען וואוקס בליעה"ר, פון נייע און פארברייטערטע משפחות וואס ברענגט יערליך ארויף די וואסער באנוץ ראטעס.

ביז צום קרעטשמע ברויך מען דאך אויך א טרונק, נאכדעם וואס דער פאריעריגער זומער סעזאן -וועלכע האט א נאטורליכע העכערע וואסער באנוץ ראטע, צווישן באוואסערן די גראז; שווים באסיינען און זומער איינוואונער - האט עטליכע מאל באצווינגען די וואסער דעפארטמענט פון די ווילדזש, אריבערצוברענגען וואסער טענק-טראקס ארויסצוהעלפן אינעם וואסער קריזיס, האט דער וואסער דעפארטמענט אין שפיץ פון איר געטרייער מענעדזשער ר' יעקב גליק הי"ו, אונטערגענומען א רייע פראיעקטן צו פרובירען ארויפצוברענגען די וואסער שטאפלען און פארזארג.

### קוואל #26 ביים רוח החיים קור ארט (ברענער פראפערטי)

די ערשטע אפעראציע איז אונטערגענומען געווארן ביים עקזעסטירנדן קוואל #26, דער קוואל געפונט זיך צווישען אנדערע פינף קוועלער אויף די געוועזענע 'ברענער פראפערטי' אינדרויסן פון שטעטל אויף לארקין דרייוו (דארט ווי עס ווערט אהערגעשטעלט דער נייער רוח החיים קור-ארט). ווען דער קוואל איז מתחלה באנייט געווארן מיט עטליכע יאר צוריק, האט מען באוויזן ארויסצובאקומען פון דעם קוואל אליינס, וואסער אין א ראטע פון 125 גאללאן פער מינוט (GPM), ד.ה. א סך-הכל פון הונדערט אכציג טויזנט גאלאן וואסער א טאג!

פון דעם איינעם קוואל. מיט די צייט איז די וואסער ראטע געפאלן, און פאראיאר זומער האט די ראטע פונעם קוואל #26 געהאלטן ביי 100 גאלאן פער מינוט, וואס באדייט אז קרית יואל האט מיט די צייט פארלוירן 36,000 גאלאן פונעם טעגליכן באנוץ, וואס אין א אנגעשטרענגטער וואסער סעזאן איז יעדע גאלאן וויכטיג.

צו פארשטיין אביסל וואס אזא פארלוסט מיינט פאר תושבי קרית יואל, א דורכשניטליכע משפחה פארנוצט אין א געווענליכען טאג ביילייפיג 350 גאלאן וואסער, וואס לויט די היינטיגע וואוקס ראטע באדייט דאס, אז יעדעס יאר קומט צו א געברויך פון קרוב צו זיבעציג טויזנט גאלאן טעגליך.

כדי צוריק ארויפצוברענגען די וואסער ראטעס פון א קוואל, פארלאנגט זיך גאר דורכדרינגליכע אפשאצונגען און פראפעסיאנאלע אונטערזוכונגען, דורכצוגיין אלע מעגליכקייטן און טרעפן די בעסטע לעזונג, דאס צו טוהן ברויך מען אראפרופען ספעציעלע מומחים וואס ווערן אנגערופען היידראגעאלאגען, וועלכע שטודירען דעם קוואל מיט ספעציעלע מכשירים, און שאצן אפ וואס ברויך געטאן ווערן צו פארשטערקערן דעם וואסער סופליי פון א קוואל.

דער ווילידזש האט זיך פארבינדען מיט א נאציאנאלע פירמע באקאנט אלס LBG, זיי האבן געזאלט אפשאצן צו דער קוואל ברויך דורכגיין וואס מ'רופט 'דעוועלאפמענט' וואס באדייט אויפרישען דעם קוואל, דורך אויסרייניגען דעם גאנצן וועג ארויף פונעם אינטערערדישן קוואל ביז צום ערד-אויבערפלאך, אין דעם פאל איז די רעדע געווען פון א טיפקייט פון 310 פיס טיף, אדער איז דא א מהלך פון אראפגראבן טיפער און אנטדעקן נייע 'אדערן' פון וואסער אריינצופיטערן אינעם קוואל, וואס וועט אויטאמאטיש ארויפברענגען די גאלאן-פער-מינוט ראטע.

נאך וואס די היידראגעאלאגען האבן דורכגעפירט זייער שטודיעס, האבן זיי רעקאמענדירט אז די ווילעזש זאל נעמען דעם צווייטען אפציע, די וואסער דעפארטמענט האט אנגענומען די הצעה, זיי האבן אראפגערופען די פירמע 'נארטערן דריללינג' וועלכע

(פארזעצונג אויף זייט 8)

# טרעפיק-אויסברייטערונג פראיעקט שפאנט פאראויס; ענווייראמענטאלער איבערזיכט ווערט אריינגעשיקט פאר די סטעיט די. או. טי. (DOT)

### אין בעפארברייטונג צום מאסיוון צען-מיליאן-דאללער'דיגן טרעפיק-פארברייטערונג פראיעקט

א גרויס חלק פון אונזערע ליינער וועלן זיכער געדענקן אז מיט באלד צוויי יאר צוריק האבן מיר באריכטעט איבער די מאסיווע רענאוואציע-פלענער פונעם צען-מיליאן-דאללערדיגן פראיעקט, וואס וועט אריינעמען גענצליך איבערצומאכן און פארבעסערן דעם גאנצן 'טרעפיק-פארקער' איבער די צענטראלע קרית יואל'ער גאסן.

ווי באקאנט עקזיסטירן שוין די צענטראלע גאסן פון בעיקערטאון, עיקערס, מאונטען און פארעסט ראודס, פון היבש בעפאר דעם גרינדונג פון קרית יואל, און דינען עד היום אלס וויכטיגע גאסן פארן טרעפיק באוועגונג פון אלע ווינקלען אינעם שטעטל, אבער זינט קרית יואל איז פארוואנדלט געווארן פון א קליין שטעטל צו אן עיר ואם בישראל, וואס דאס האט נאטורליך מיטגעברענגט מיט זיך א שווערער טראפיק-אישו וואס וואקסט מיט מיט'ן וואוקס בליעה"ר פון קרית יואל, זענען די אריגינעלע דערמאנטע גאסן געווארן 'אויסגעוואקסן' און קענען נישט פארטראגן די אלגעמיינע טרעפיק וואס באשטייט היינט צו טאגס פון הונדערטער קארס און באסעס טעגליך.

דער ווילידזש האט אין די לעצטע פאר יאר אריינגעלייגט אסאך מיה און זענען געזיצן מיט גרויסע טרעפיק קאנסאולטענטס און אינדזשענירן, אויסצוארבעטן פלענער וויאזוי צו לינדערן די טרעפיק פראבלעמען, וואס האט אריינגענומען אפציעס פון פארברייטערן די צענטראלע גאסן און וואו עס פעלט זיך אויס צוצולייגן באזונדערע טוירן-לעינס פאר די קארס און אינסטאלירן וויכטיגע טרעפיק לייטס, אא"וו.

אין די זעלבע צייט האט דער ווילידזש געארבעט אימערמידליך צו פארשאפן די נויטיגע פאנדס, כדי צו קענען דעקן די קאסטן פון די פאטענציעלע פראיעקטן אזוי אז עס זאל נישט פאלן צו לאסט אויף די קרית יואל'ער שטייערצאלער, און מיט סייעתא דשמיא האט די ווילידזש באוויזן צו ערהאלטן א באשטעטיגונג פון די רעגירונג אויף נאנט צו צען מיליאן דאלער אין גרענטס צו פינאנצירן דעם היסטארישן פראיעקט, און דערמיט האט די ווילידזש אנגעהויבן מיט די פאקטישע ארבייט פון צושטעלן די פלענער צו ערהאלטן די פארשידענע פערמיטן צו קענען אנהייבן די פארצוויגטע ארבייט.

### דער מאסיווער "טרעפיק-אויסברייטערונג-פראיעקט"

אין דעם פראיעקט ווערט פלאנירט איבערצוארבייטן די גאסן פון בעיקערטאון, מאונטען, עיקערס, פארעסט, און טיילן פון קאונטי רוט 44,

(פארזעצונג אויף זייט 8)

״הקריה״

HAKIRYAH

3 Chevron Rd. #3A

Monroe, NY 10950

**Fax:** 845-774-7945

**Email:** hakiryah@gmail.com

אריינצושיקן בריוו צו די רעדאקציע, ווי אויך פאר סיי וועלכע פארשלאגן, עצות און קאמענטארן וויאזוי צו פארבעסערן אונזער/אייער אויסגאבע, ביטע שיקט אריין אויף דעם אויבנדערמאנטן אדרעסס. אייער נאמען וועט געהיטן ווערן אין די רעדאקציע אויף אייער פארלאנג.

Not responsible for typographical errors or opinions expressed by the writers or advertisers. No part of this publication may be reproduced in any form without written consent of the publisher.

# שטאט קרית יואל באוויינט פטירה פון לאנגיעריגען דאקטאר, וועלט בארימטער הארץ ספעציאליסט, דר. יהודא (לייב) רובין ע"ה

### לאנגיעריגער מעדיקעל דירעקטאר פון "עזרת חולים העלט צענטער" און "חברה הצלה - קרית יואל" - אויסגערופענער בעל חסד ארויסהעלפנדיג הונדערטער היימישע פאציענטן דורכאויס זיין פרעסטיזשפולער קאריערע - פלוצים נפטר געווארן אין עלטער פון 76 יאר

קרית יואל - מיט גרויס צער און ווייטאג האבן תושבי קרית יואל אויפגענומען די נייעס איבער די פלוצים'דיגע פטירה פונעם לעגענדארן דאקטאר, הרה"ח בנש"ק דר. ר' יהודא (לייב) רובין ע"ה, לאנגיעריגער מעדיקעל דירעקטאר פון "עזרת חולים העלט צענטער" און "חברה הצלה – קרית יואל", אין בלויזן עלטער פון 74 יאר.

דר. רובין איז געבוירן אין אייראפא בשנת תרצ"ז צו זיין פאטער ר' חיים רובין ע"ה, אן אייניקל באח"ב פון הרה"ק רבי אשר ישעי' מראפשיץ זצ"ל, דער איידעם און ממלא מקום פונעם הייליגן ראפשיצער רב בעל זרע קודש זצוק"ל, וואו ער האט באקומען אן ערליכער חינוך לתורה ויראת שמים, זייענדיג א אינג קינד זענען זיינע עלטערן ארויסגעקומען קיין אמעריקא, דאהי איז דאקטאר רובין אריינגעגאנען לערנען אין די בארימטע ישיבה תורה ודעת אין וומ"ס, ווי ער האט געלערנט ביי הגה"ח רבי שכנא זאהן זצ"ל, ווי ער האט זיך משלים געווען בתורה ויראת שמים במדה גדושה, א זאך וואס האט זיך אנגעזעהן ביים בארימטען דאקטאר אלע יארן, ווי ער האט נישט נאכגעלאזט פון זיינע לימודים כסדרן אונטער אלע אומשטענדן.

מערקווידיג איז דער עפיזאד וואס דר. רובין פלעגט שטענדיג מיטיילען מיט זיינע פאציענטן סאטמארער חסידים, אז אלס בחור זייענדיג א תלמיד פון די ישיבה תורה ודעת, האט ער אמאל געהאט די זכי' זיך מסתופף צו זיין בצלא דמהימנותא, אריינקומענדיג צו איינע פון די הייליגע טישן ביי מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע, דאקטאר רובין איז געקומען אינאיינעם מיט נאך א חבר א בחור פון תורה ודעת, די בחורים זענען געווען מערקבאר אלס פרעמדע בחורים, דער משב"ק הרה"ח רבי יוסף אשכנזי ז"ל האט

(פארזעצונג אויף זייט 14)

# VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

**Mayor**
Abraham Wieder

**Administrator-Clerk**
Gedalye Szegedin



**Trustees**
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman


# מודעה נחוצה
# וועגן שריפת חמץ!

אין פארזוך צו פארמיידן סכנות נפשות דורך די פילע פריוואטע פייערן איבער'ן שטאט, וואס אומערוואקסענע ניצן אויס פאר אונטערהאלטונג, און ס'האט שוין אין די פארגאנגענהייט געברענגט אסאך ווייטאג און עגמת נפש פאר עטליכע משפחות

**טוען מיר מודיע זיין פאר אלע חשוב'ע איינוואוינער**
**אז אויף קומענדיגן ערב פסח וועט אי"ה זיין צוגעשטעלט**

# 10 צענטראלע פלעצער איבער די שטאט, פאר 'שריפת חמץ'

**אונטער די קאנטראל פון 'מצילי אש'**

וואו בלויז דארטן וועט זיין ערלויבט צו פארברענען די חמץ, אזוי ווי ס'איז איינגעפירט אין אנדערע געגנטער



## ביטע קאאפערירן מיט פארשטענדעניש, פאר די טובה פון אלע איינוואוינער!

פאלגט נאך מער פרטים
איבער די באשטימטע פלעצער

מיט דאנק, **דער ווילידזש**


Dart Design | 845.782.6558

# ווילעדזש סאַניטאַציע דעפּאַרטמענט אַרבעט פלייסיג צוצוגרייטן די שטאָט צו זיין ריין און שיין לכבוד יום טוב פּסח הבעל"ט

**האלב-יעריגער באָלק פּיק-אָפּ הייבט זיך אן בס"ד דעם דינסטאג ר"ח ניסן**

אזוי ווי אלע יאָרן בעפאָר די ימים טובים לייגט די סאַניטאַציע דעפּאַרטמענט אַראָפּ אַ הערליכע אַרבעט אַהערצושטעלן די שטאָט ריין און ציכטיג לכבוד יום טוב. די פאַרנומענסטע און גרעסטע אָפּעראַציע פון די סאַניטאַציע דעפּאַרטמענט איז ווי פאַרשטענדליך פאַר'ן יום טוב פסח, ווי מען שטעלט אַהער אַן אַרבעט לשם ולתפארת. אויך דאָס יאָר אַרבעט מען שוין אויף די פּלענער פאַר פסח.

די פסח ריינינגונגס אָפּעראַציע הייבט זיך אָן מיט'ן "באָלק" פּיק-אַפּ, דאָס וועט אָנגיין פאַר א וואָך-צוויי פון מערץ 12, דינסטאָג פרשת ויקרא, ביז מערץ 22, דאָס איז פרייטאג ערב שבת הגדול.

דורכאויס די וואָך-צוויי זאָל מען זיכער מאַכן אַרויסלייגן אַלע "באָלק" גאַרבעדזש וואָס מען האָט, סיידן בוי מאַטעריאַל און רעדער וואָס מען זאָל נישט אַרויסלייגן. אויך זאָל מען זיך נישט פאַרלאָזן אויף די לעצטע מינוט אַרויסצולייגן די "באָלק" גאַרבעדזש.

ביים אַרויסלייגן די "באָלק" זאָל מען דאָס נישט לייגן פאָרנט פונעם גאַרבעדזש הויז, און אוודאי נישט פאָרנט פונעם גאַרבעדזש קאָנטעינאָר, ווייל עס בלאָקירט די אַלגעמיינע גאַרבעדזש ארבייטער פון אַוועקנעמען דעם גאַרבעדזש.

מען זאָל דאָס לייגן אין די זייט שיין מסודר און נישט צעוואָרפן, אַז מען לייגט אַרויס רעפרידזשירעיטאָרס מוז מען אַראָפּשרויפן אָדער אַראָפּברעכן די טירן, מען זאָל חלילה נישט אַרויסלייגן קיין רעפרידזשירעיטאָרס מיט טירן וואָרום אַ קינד קען דערינען פאַרכאַפּט ווערן און עס קען קומען צו א סכנה.

מען זאָל נישט אַריינוואַרפן קיין "באָלק" אין די גאַרבעדזש קאָנטעינאָרס וואָס ווערן אַוועקגענומען דורכ'ן "הייבער" גאַרבעדזש טראָק ווייל דער "הייבער" טראָק איז נישט געמאַכט פאַר קיין "באָלק" פּיק-אַפּ און דאָס צוברעכט דעם הייבער טראָק.

מען קען נאָר אַרויסלייגן "באָלק" ביז דאנערשטאג ביינאַכט ערב שבת הגדול, פרייטאָג אינדערפרי ערב שבת הגדול וועט מען צום לעצטן מאָל אויפנעמען די "באָלק", און דאָס וועט זיין די לעצטע מאָל פאַר פסח וואָס מען נעמט אויף "באָלק" גאַרבעדזש.

מען זאָל נישט אַרויסלייגן קיין "באָלק" גאַרבעדזש נאָך דעם טערמין ווייל עס וועט אַזוי בלייבן אויף גאַנץ יום טוב און וועט נישט אַוועקגענומען ווערן.

אין די טעג פאַר פסח וועלן די גאַרבעדזש טראָקס אַרומפאָרן מיט פאַרגרעסערטע מאַנשאַפטן און מיט מער טראָקס כדי אַוועקצונעמען אַלע גאַרבעדזש, און דאַן איז די צייט אַלע גאַרבעדזש אַרויסצולייגן און נישט וואַרטן ביז די לעצטע מינוט כדי די שטאָט זאָל זיין ריין לכבוד יום טוב.

מאנטאָג צופרי, ערב פסח, וועלן די גאַרבעדזש טראָקס נאָכאַמאָל אַרומפאָרן כדי אַוועקצונעמען אַלע איבריגע מיסט, און מען בעט די חשוב'ע איינוואוינער דאָס אין קענטעניס צו נעמען און זיך צושטעלן צום גאַרבעדזש סקעדזשול אַזוי אַז די שטאָט זאָל זיין ריין און אויפגערוימט לכבוד פסח ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ עיר ואם בישראל ווי קרית יואל.

# סאַניטעישאָן דעפּאַרטמענט ספּראַוועט זיך מיט פּראָבלעם ביי פראָנט-לאָודער טראָק

אַ סומאַטאָכע האָט זיך עטליכע וואָכן צוריק געשאַפן, ווען דער פראָנט-לאָודער טראָק פונעם ווילידזש סאַניטאַציע דעפּאַרטמענט האָט זיך צובראָכן, און דאָס האָט געשטערט דאָס אויפנעמען די גאַרבעדזש אין שטאָט.

דער ווילידזש סאַניטאַציע דעפּאַרטמענט האָט אַ פלאָטע פון פינף טראָקס, וואָס באַשטייט פון פיר ריער-לאָודערס, דאָס מיינט די טראָקס וואָס מען לאָדענט אין זיי אַריין די גאַרבעדזש פון הונטן, און איין פראָנט-לאָודער, ד.מ. דער טראָק וואָס הייבט אויף די פירקאַנטיגע גאַרבעדזש קאָנטעינאָרס דורך די ספּעציעלע אָרעמס און גיסט דאָס אַריין אינעם גאַרבעדזש טראָק.

אויף אַ טעגליכן באַזיס נוצט מען דריי ריער-לאָודער טראָקס און דעם פראָנט-לאָודער טראָק, איין ריער-לאָודער טראָק ווערט געהאַלטן אַלס רעזערוו. פאַר'ן פראָנט-לאָודער טראָק האָט מען נישט קיין רעזערוו. (אַזאַ טראָק קאָסט אַ פערטל מיליאָן דאָלאַר און עס איז נישט פינאַנציעל אויסגעהאַלטן צו לאָזן אַזאַ טראָק זיצן ליידיג בלויז פאַר רעזערוו).

עס האָט זיך געמאַכט אַז דער היידראַליקס פּאָמפּ פונעם פראָנט-לאָודער טראָק האָט זיך צובראָכן, און דאָס האָט געשאַפן אַן ערנסטער פּראָבלעם, ווייל אַ דערקענבאַרע פּראָצענט פון גאַרבעדזש דאָ אין שטאָט איז אין פאָרמאַט פון די פירקאַנטיגע קאַנעס. אַז מען האָט נישט דעם פראָנט-לאָודער קען מען פון זיי נישט אויפנעמען די גאַרבעדזש.

די ווילידזש סאַנעטעישאָן באַאַמטע האָבן נישט אויפגעהויבן די הענט. וואָלט דאָס פּאַסירט ביי אַ גויאישע מוניציפּאַליטעט, וואָלטן די ביוראָקראַטן זיך באַגנוגט מיט אַרויסלייגן אַ קורצע מעלדונג אויפ'ן ווילידזש האָל טיר איבער'ן פּראָבלעם, און מען וואָלט געבעטן די איינוואוינער צו האָבן איינזעעניש און האַלטן די גאַרבעדזש אין שטוב ביז מען קען לייזן דעם פּראָבלעם.

דאָהי אינעם ווילידזש סאנעטאציע דעפּאַרטמענט, איז מען געטריי און איבערגעגעבן, און מען זוכט נישט קיין ביוראָקראַטישע אויסריידן. מען האָט זיך גלייך איינגעשפּאַנט צו דער אַרבעט. מען האָט אַפּירגענומען דעם רעזערוו ריער-לאָודער טראָק און דאָס גענוצט במקום דעם געוועונליכן טראָק. מען האָט אויך געדאַרפט צודינגען מער גויאישע סאַניטאַציע אַרבעטער, וואָרום ביים פראָנט-לאָודער טראָק איז גענוג איין גוי, ווידעראום ביי די ריער-לאָודער טראָקס דאַרף מען מערערע גוים.

(פאַרזעצונג אויף זייט 13)

# פּאַנטשער מיט גאַרבעדזש טראָק שאַפט צייטווייליגע אויפהאַלט פון מיסט צוזאַמזאַמלונג

אַ שטרויכלונג האָט זיך פאַרגאַנגענעם מאָנטאָג פרשת תצוה געשאַפן מיט איינע פון די גאַרבעדזש טראָקס, וואָס האָט אויף צייטווייליג אויפגעהאַלטן די אַרבעט צוזאַמצונעמען די גאַרבעדזש.

עס האָט פּאַסירט אין די מאָנטאָג פאַרטאָגס שעה'ן, (די אַרבעט צוזאַמצונעמען די גאַרבעדזש הייבט זיך אָן 2:30 פאַרטאָגס יעדן טאָג), ווען איינע פון די ריער-לאָודער גאַרבעדזש טראָק האָט געליטן אַ פלעט ביים צוזאַמנעמען די גאַרבעדזש אויף געצל בערגער דרייוו, און די אַרבעט איז אָפּגעשטעלט געוואָרן.

היות עס איז געווען טיף אין די נאַכט האָט מען גאָרנישט געקענט טאָן, עס האָט גענומען ביז אין די צופרי שעה'ן ווען מען האָט געקענט רופן די מעכאַניקער צו פאַרריכטן דעם אויסגעפלאַכטן רעדל, און דער טראָק איז געווען אַרויס פון דינסט פאַר לאַנגע שעה'ן ביז טיף אין די נאָכמיטאָג שעה'ן.

דער ווילידזש סאַניטאַציע דעפּאַרטמענט איז אַלץ גרייט אויף אַזאַ עווענטואַליטעט, און דערפאַר האָט מען אַלץ אַ פערטן ריער-לאָודער טראָק אין רעזערוו, צו קענען נוצן אינפאַלס אַ טראָק ווערט אַרויסגעשטעלט פון דינסט. דאָס מאָל האָט מען דאָס נישט געקענט נוצן.

דער אורזאַך איז: לויט ווי מיר האָבן זיך נאָכגעפרעגט ביי די ווילידזש באַאַמטע, אַז עס איז דאָ אַ ריקאָל אויף די אַלע ריער-לאָודער טראָקס, צוליב אַ פּראָבלעם וואָס די מאַנופעקטשורער פירמע האָט אַנטדעקט מיט'ן הויפּט רעדער שטאַנג פונעם טראָק, נעמליך דאָס וואָס האַלט צוזאַם די פאָדערשטע רעדער.

דערפאַר מוז מען יעצט אַרויסנעמען יעדן איינעם פון די טראָקס פון דינסט, און אָפּשיקן צום דילער כדי צו ערזעצן דעם רעדער שטאַנג, דאָס איז אַ פאַרצויגענע אַרבעט וואָס נעמט אַ וואָך צייט פאַר יעדן טראָק.

אַצינדער האַלט מען אינמיטן דעם סדר, און מען שיקט אַרויס יעדע וואָך אַן אַנדערן פון די ריער-לאָודער טראָקס פאַר די ריקאָל פאַרריכטונג אַרבעט, און דערפאַר האָט מען נישט געהאַט קיין איבריגן רעזערוו ריער-לאָודער טראָק זיך צו ספּראַוועןמיט'ן צושטאַנד ווען דער גאַרבעדזש טראָק האָט געליטן דעם פלעט טייער.

למעשה איז דאָס געווען אַ קליינע אויפהאַלטונג, און די ווילידזש סאַניטאַציע באַאַמטע האָבן אַריינגעלייגט שווערע כוחות אנצויאגן די אַרבעט פון אויפנעמען די גאַרבעדזש, אַזוי אַז ביז אַ טאָג-צוויי איז אַלעס שוין געווען צוריק אין אָרדענונג.

# קארידארן און שטיגן צום צווייטן שטאק פון שאפינג סענטער געשעפטן הערליך רענאווירט





אין די לעצטערע וואכן זענען דורכגעפירט געווארן רענאוואציע ארבייט אויפ'ן צווייטן שטאק פונעם שאפינג סענטער, וואו עס זענען איבערגעמאכט געווארן די קארידארן פונעם צווייטן שטאק, ווי אויך די שטיגן וואס פירן ארויף צום צווייטן שטאק, וואו עס האבן זיך איינקווארטירט אסאך נייע געשעפטן אין די לעצטע עטליכע יאר.

דאס קומט נאכדעם וואס עס איז אין דעם פארגאנגענעם יאר אינסטאלירט געווארן א נייער עלעוועיטאר צו פארגרינגערן פאר די קאסטומערס אנצוקומען צו די געשעפטן אויף די צווייטע שטאק.

ווי באקאנט האבן זיך אין די לעצטע תקופה געעפנט פילע נייע געשעפטן אויף דעם צווייטן שטאק וואס פלעגט אין די פריערדיגע יארן דינען הויפטזעכליך פאר אפיסעס, אבער שפעטער האבן זיך פילע אפיסעס ארויסגעצויגן פון שאפינג סענטער, ווען טייל דערפון זענען אריבערגעגאנגען צום נייעם ביזנעס צענטער וועלכע איז מער געאייגנט פאר אפיסעס, איבערלאזנדיג פלאץ פאר פרישע געשעפטן זיך צו עפענען אויפ'ן צווייטן שטאק.

היינט צו טאגס געפינט זיך אויף דעם צווייטן שטאק פילע נייע געשעפטן פון פארשידענע סארטן, אריינגערעכנט קליידער, אפטיקעל, קאוטשעס, סעלפאונס, פאטאגראפיע, ווינדאו שעידס, לייטינג, ועוד. ווי אויך געפינט זיך דארט דער הערליכער "שאו רום" פון "מנוחת הנפש", וואו עס איז מייסטערהאפט אויסגעלייגט אלע סארט פוירניטשער וואס מ'קען קויפן פאר גוטע פרייזן אינעם "מנוחת הנפש חתונה פלאן".

אין ליכט פון דעם איז אצינד דורכגעפירט געווארן א ברייטע רענאוואציע אויפ'ן צווייטן שטאק, פאר די באקוועמליכקייט פון די איינוואוינער וועלכע קויפן איין אין די פילע געשעפטן אויפ'ן צווייטן שטאק.

דער קרית יואל שאפינג סענטער איז א שטארקער עקאנאמישער קוואל פאר קרית יואל, וואו די איינוואוינער האבן די געלעגנהייט איינצוקויפן אלע געברויכן ביי היימישע אידן און מען דארף נישט ארויספארן איינצוקויפן אין די גוי'אישע גאס. אויסער דעם ברענגט דער שאפינג סענטער אריין יערליך א באדייטנדע הכנסה פאר די הייליגע מוסדות, אונטער וועלכן עס ווערן נתחנך די אריבער זיבן טויזענט תלמידים ותלמידות בליעה"ר.

# VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220



**Mayor**
Abraham Wieder

**Administrator-Clerk**
Gedalye Szegedin

**Trustees**
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman


**-סאניטעישאן דעפארטמענט-**

# ווichטיגע מעלדונג וועגן 'באלק פיק-אפ'

די קומענדיגע האלב-יעריגע

## באָלק פיק-אָפּ

וועט פארקומען בעז"ה

## פון דינסטאג, Mar. 12

## ביז פרייטאג ערב שבת הגדול, Mar. 22

במשך די טעג קענט איר ארויסלייגן אלע אייערע Bulk Items
און די סאניטאציע דעפארטמענט וועט דאס אוועקנעמען

**אכטונג! זונטאג און מאנטאג ערב פסח וועט מען בשום אופן מער נישט נעמען קיין באלק**

וי אין די פארגאנגענהייט וועט די היי-יעריגע "באלק פיק-אפ" זיין איינגעטיילט אין צווי:

**געווענליכע באלק: וועט מען אויפנעמען צוזאמען מיט די רעגולער גארבידזש רוט**

**מעטאלענע זאכן: וועט מען אויפנעמען עקסטער (נישט צוזאמען מיט די געווענליכע באלק)**

ביטע נעמט אין אכט! די באלק פיק-אפ נעמט אריין נאר שטוב חפצים, ווצב"ש: אויוון, קאוטש, בענקלעך אד"ג
פאר בוי מאטריאל, ווי שידראק, גרעסערע העלצער וכדו', וועט ארויפגיין א 'טשארדזש' אויפ'ן סאניטעישאן ביל

## - וויכטיגע אנווייזונגען -

- ביטע ארויסלייגן אלע זאכן ביים Curb, ווייל די טראקס וועלן נישט אריינפארן אין קיין פרייוועט פראפערטיס.
- ביטע לייגן די באלק גארבידזש באזונדער, און נישט אויסמישן מיט די געהעריגע גארבידזש.
- נישט לייגן קיין רעדלעך ווייל מ'וועט דאס נישט אוועקנעמען.
- ביטע לייגן אלע מעטאלענע זאכן (אויוון, פרידזשידער, וואש-מאשין, עיר-קאנדישאן אא"וו) אינגאנצן אפגעטיילט.
- נישט פארגעסן אראפצונעמען די טירן פון די פרידזשידערס.
- אויך די הייזער וועלכע האבן קאנטעינארס, זאלן לייגן אלע באלק זאכן ביים קוירב, און נישט ארייננווארפן באלק מאטריאל (צ.ב.ש. האלץ אדער שיטראק) אין די קאנטעינאר, ווייל דאס צוברעכט דעם טראק. (דאס איז גילטיג אויך א גאנץ יאר)
- נישט לייגן קיין גארבידזש פארנט פונעם קאנטעינאר, ווייל ס'שטערט דעם טראק און אויך נישט אויפ'ן דעק פונעם קאנטעינאר, ווייל ס'ווערט צעבראכן.
- ביטע אכטונג געבן נישט צו לייגן קיין גרעסערע נוצבארע זאכן, וואס איר דארפט נאך האבן, נעבן די באלק זאכן, כדי עס זאל נישט בטעות אוועקגענומען ווערן.

מיט דאנק, **די סאניטעישאן דערפארטמענט**

# איינוואוינער זאלן ארייינרופן די הייוועי דעפט. איבער פּאַטהאָלס אויף די גאסן

יעדן סוף ווינטער קומט ווידעראמאל ארויף אויפ'ן אויבערפלאך די נושא פון "פּאַטהאָלס" דאס זענען די לעכער וואס שאפט זיך אויף די ראודס ביים ענדע ווינטער, און דאס טוט פאראורזאכן אומאנגענעמליכקייטן פאר די רייזענדע אויף די ראודס ווען די קארס שטויסן זיך אן אין די געשאפענע לעכער אין די ראודס.

די "פּאַטהאָלס" ווערן פאראורזאכט אין רעזולטאט פון די קאלטע וועטערס, נאכדעם וואס די רעגן וואסער גייט אריין אין די שפאלטענעס פון די ראודס, און די וואסער וואס זאפט זיך איין אין דער ערד אונטער די קוילן פון די ראודס ווערן פארפרוירן און אויפגעבלאזן, דערנאך ווען דער טעמפעראטור לאזט נאך, זעצט זיך די ערד צוריק צו איר ארגינעלן שטאנדפונקט, און עס שאפט זיך א הוילקייט צווישן די ערד און די קוילן, און ווען א קאר פארט ארויף דערויף ברעכט זיך איין די קוילן און עס ווערט א לאך אין די ראוד.

דעריבער איז ווי פארשטענדליך נישט פאראן קיין עצה צו פארמיידן די פּאַטהאָלס פון פאסירן, און דערפאר איז דער פראבלעם פון פּאַטהאָלס, דער נומער 1 פראבלעם פון די פובליק ווארקס דעפארטמענטס איבעראל, אין די ווינטער חדשים.

אין צוגאב צו דעם פראבלעם פון די לעכער, קומט צו דער פאקט אז מען קען דאס בשום אופן נישט פאררעכטן פערמענאנט אין די ווינטער חדשים. די סיבה דערפון איז ווייל די פּאַטהאָלס דארפן פארראכטן ווערן מיט ספעציעלע הייסע קוילן וואס קומען קאכעדיג הייס גלייך פון די קאמפאני, און צוליב די קאלטע ראודס אום ווינטער קען מען נישט דורכפירן געהעריג די פראצעדור פון די הייסע קוילן, און צוליב דעם זענען די קוילן קאמפאניס פארשפארט יערליך פון דעצעמבער 15 ביז אפריל 15.

דערפאר איז נישט מעגליך אין די ווינטער חדשים צו פאררעכטן פערמענאנט די פּאַטהאָלס, און דעריבער ווערן די פּאַטהאָלס נאר פארראכטן צייטווייליג מיט "קאלטע קוילן". דער פראבלעם איז אבער אז די קאלטע קוילן האלטן זיך נישט אויף די ראודס מער ווי א קורצע צייט, און עס ווערט אפגעווישט נאך די קומענדיגע רעגן אדער שניי, און די לעכער עפענען זיך צוריק אויף און מען דארף עס נאכאמאל אנפילן צייטווייליג מיט קאלטע קוילן.

די ארבייט פון פאררעכטן די פּאַטהאָלס ווערט דורכגעפירט דורכ'ן טאון הייוועי דעפארטמענט אונטער א קאנטראקט מיט'ן ווילידזש, און טראצדעם וואס דער ווילידזש פובליק ווארקס שטייט על המשמר במשך דעם ווינטער צו פארזיכערן אז די פאטהאולס ווערן פארראכטן, דאך האט זיך ארויסגעשטעלט אז ווען די איינוואוינער רופן פערזענליך אריין צו די טאון הייוועי דעפארטמענט לייגט דאס א שטערקערן דרוק אויף די באאמטע דאס צו פאררעכטן צייטליך. דערפאר איז וויכטיג איינצומעלדן פאר'ן טאון הייוועי דעפארטמענט, במשך דעם ווינטער ווען עס מאכט זיך א פּאַטהאָל, כדי זיי זאלן דאס קענען צייטווייליג פאררעכטן, אין די ערשטע מעגליכקייט.

די טאון באאמטע זעלבסט האבן אויך געבעטן צו מעלדן פאר'ן ציבור אז אין פאל מען זעט א פאטהאל לאך אויפ'ן גאס זאל מען זיי תיכף ארייינרופן און זיי וועלן עס קומען פאררעכטן אין די ערשטע מעגליכקייט. ווייל זייער אסאך מאל קען פאסירן אז עס איז פאראן א פאטהאל א לענגערע צייט וואס ווערט נישט פארראכטן בלויז צוליב ווייל קיינער האט נישט באריכטעט אז עס איז פאראן א פאטהאל אויף דעם ארט, געווענליך מאכן מענטשן דעם חשבון אז מסתמא האט דער שכן שוין ארייינגערופן, און אזוי בלייבט עס אום-פארראכטן.

היי יאר געפאלט דער 15'טער טאג אין אפריל למספ' —דער טאג וואס די קוילן קאמפאניס עפענען זיך צוריק - אום מאנטאג פ' אחרי קדושים הבעל"ט, דעריבער איז כדאי צו וויסן אז ביז דעם דאטום וועט די טאון דאס נאר קענען פאררעכטן צייטווייליג און ערשט נאכדעם וועלן זיי דורכפירן א פערמענאנטע רענאוואציע צו פארריכטן אלע פּאַטהאָלס אויף אלע ראודס אין די גאנצע שטאט.

VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

VILLAGE OF KIRYAS JOEL • INCORPORATED 1977 • ORANGE COUNTY, N.Y.

**Mayor**
Abraham Wieder

**Administrator-Clerk**
Gedalye Szegedin

**Trustees**
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman

## מודעה ובקשה

ווי באקאנט האט דער ווילידזש א יערליכן קאנטראקט מיט די

**טאון הייוועי דעפארטמענט**

צו פאררעכטן אלע "פאטהאולס" אויף די גאסן אין קרית יואל

דעריבער האבן די טאון באאמטע געבעטן אז אויב עס מאכט זיך סיי וועלכע פאטהאול אויף איינע פון די גאסן אין די שטאט

**זאלן די איינוואוינער עס תיכף באריכטן פאר די טאון הייוועי דעפארטמענט**

כדי זיי זאלן דאס קענען פאררעכטן אין די שנעלסטע מעגליכקייט

מען קען ארייינרופן דירעקט צום הייוועי דעפארטמענט אויפן נומער:

**845-783-1900 #5**

ווען מען זעהט א פאטהאל זאל מען תיכף ארייינרופן צו די טאון דאס צו באריכטן, און נישט טראכטן אז אנדערע האבן שוין גערופן. עס איז ראטזאם איבערצולאזן א טעלעפאון נומער וואו זיי זאלן קענען צוריקרופן פאר אינפארמאציע איבער דעם פאטהאול אויב עס וועט אויספעלן

מיט דאנק

**דער ווילידזש**

# גרויס סייעתא דשמיא ווען ווילידזש וואסער דעפארטמענט מצליח באדייטענד ארויפצוברענגען טעגליכען וואסער סופליי פארן פארנומענער ערב פסח סעזאן

(פארזעצונג פון זייט 3)

האבן אראפגעגרובען מיט נאך עטליכע הונדערט פיס צי א טיפקייט פון 600 פיס, און דערונטער איז געקומען די פריידיגע בשורה פון 'מצאנו מים!, מיט די הילף פון ניי-אנטדעקטע אדערן טיעפער אונטער דער ערד, האט מען באוויזען בחסדי השם אויפצולעבן דעם קוואל, מיט א קראפט וואס קען ארויפגיין צו א ראטע פון 200 גאלאן וואסער פער מינוט! ד.ה. אויסער דאס געווינס פון די פארלוירענע 36,000 טעגליכע גאלאנען, קען דער קוואל צושטעלן פרישע 108,000 גאלאן א טאג.

איין פראבלעם איז נאך פארהאנען, אז לויט די פארשריפטען פון די ניו יארק ענווייראמענטאלע אגענטור באקאנט אלס די DEC ברויך יעדער קוואל האבן א פערמיט צו קענען אפערירען, און דער פערמיט ווערט ארויסגעגעבן מיט א מאקסימום ראטע וואס דער קוואל איז בארעכטיגט צו פאמפען, דער קוואל #26 האט ביז היינט געהאט נאר א פערמיט פאר א מאקסימום ראטע פון 150 גפ"מ, ממילא קען מען דערווייל נאר באנוצען דעם קוואל אויף די ראטע, א נייע פאמפ מיט מעגליכקייטן פאר א פארגרעסערטע וואסער פלוס איז דענאך אריינגעלאזט געווארן צו די נייע 600 פיס טיפקייט.

## קוואל #28 קרית יואל'ס גרעסטע קוואל

דערנאך איז געקומען די ארבייט ביים דערנעבנדיגען קוואל #28 אינעם זעלבן שטח, קוואל #28 איז אייגנטליך קרית יואל'ס גרעסטע קוואל, דער קוואל איז לכתחלה געעפנט געווארן מיט א וואסער ראטע פון 400 גאלאן-פער-מינוט! בעצם איז דער קוואל פון אנדערע סארט ווי די איבריגע קוועלער, ווען א געוועגליכער קוואל ווערט ארויסגעפאמפט פון א שטארקע טיפקייט, ווי די וואסער פליסט צווישען גרויסע פעלזן שטיינער, וועלכע געפונען זיך גאר טיף אונטער דער ערד, לויפט דער קוואל ביי א טיפקייט פון נישט מער ווי 50 פיס אונטער דער ערדפלאך, וואס דארט איז דער ערד נאך שטארק זאמדיג און פיל מיט קליינע שטיינדלעך, אזא קוואל ווערט גערופען ביי די היידראגעאלאגען א 'סענד ענד גרעוועל' (זאמד און שטיינדלעך) קוואל.

כדאי ארויסצקריגען פון אזא קוואל זויבערע וואסער, וואס זאל נישט פארשטאפן די פאמפס און פייפ ליניעס, פארלאנגט זיך ארומצובויען אונטער דער ערד אזאנע שוץ-ווענט, צוזאמענגעשטעלט פון שטאלענע סקרינס און אנדערע מאטריאלן, ביי דעם קוואל איז דאס אין א הייעך פון דרייסיג פיס, אינדערמיט ווערט אריינגעלייגט די פאמפס וואס ברענגען ארויף די וואסער די איבריגע צוואנציג פיס ביזן ערד אויבערפלאך.

דורכאויס די יארן פון איר באנוץ האט דער קוואל צוביסליך נאכגעלאזט איר אריגינעלער קראפט, און האט גענידערט צו א ראטע פון בלויז 250 גפ"מ, וואס 150 'גאלאן פער מינוט' מיינט אז דער קוואל האט פארלוירען איבער צוויי הונדערט טויזנט גאלאן וואסער אויפן טעגליכן באנוץ, די דערמאנטע LBG היידראגעאליגיסטען זענען אויך אראפגערופן געווארן צו דעם קוואל, און זיי האבן דאס גוט שטודירט, און אונטערגעזוכט מיט זייערע ספעציעלע אינסטרומענטן, און דערנאך צוגעשטעלט זייערע רעקאמענדאציעס וויאזוי זיך אומצוגיין מיט אזא טייערע און האקעלער קוואל, וועלכע קען נישט ווערן געדרילט ווי די אנדערע קוועלער, נאר מוז ווערן באהאנדלט מיט ספעציעלע מעטאדן אויסצורייניגען דעם קוואל און אלע אירע אדערן, וועלכע ברענגען אריין וואסער צום קוואל, דאס ווערט געטאן מיט קאמפליצירטע פלאנזשערס און בערשטליך, און מיט אדורכפלאשען ספעציעלע רייניגונגס קעמיקאלן דורכאויס די גאנצע דרייסיג פיס צווישען די סקרין-ווענט או"וו.

LBG האט צו דעם אויך רעקאמענדירט וועלכע פירמע צו נוצען דערצו, א פירמע מיט ספעציעל ערפארונג אין אזא אונטערנעמונג, די ווילעזש האט באשטעלט די פארגעשלאגענע 'לעין' וואסער פירמע פון קענזעס-סיטי, וועלכע זענען בס"ד געווען די ריכטיגע שלוחים דורכצופירען די קאמפליצירטע ארבייט, און מיט גרויס געניטשאפט און סוקסעס האבן זיי באוויזען צוריק ארויפצוברענגען די וואסער קראפט אינעם קוואל #28 צו א ראטע פון 370 גאלאן-פער-מינוט, דאס איז אזויפיל וואו 80 פראצענט פון די פארלוירענע וואסער פון דעם קוואל, אין אנדערע ווערטער מיינט דאס אז קרית יואל וועט בעז"ה פאמפען פון דעם קוואל אליינס מיט קרוב צו 200 טויזנט גאלאן וואסער א טאג מער, ווי דעם פארגאנגענעם זומער סעזאן תשע"ב.

אין אנדערע פאזיטיווע וואסער אנטוויקלונגען, האט די ווילעזש וואסער דעפארמענט געלאזט מעלדן אז אז עס גייט אן פיבערהאפטע פלענער און ארבעט אויף צוצולייגען א נייעם קוואל #29, און ווי נאר עס וועט ערהאלטן ווערן די נויטיגע פערמיטן וועט מען בס"ד אנהייבען מיט די גרוב-ארבייט.

מען האפט בסיעתא דשמיא אז דער נייער קוואל וועט ארויסהעלפן דעם וואקסענדן וואסער פארלאנג, אויף צו קענען פארנעמען די וואוקס פון די קומענדיגע שטיק צייט, און צוגאב צו די אויבנדערמאנטע העכערונגען אין די עקזעסטירנדע קוועלער, ביז ווען די ערשטע פאזע פון די לאנג ערוואַרטעטע 'פייפליין פראעיקט' וועט פערטיג זיין, וואס וועט ברענגען וואסער קודם פון די גאר שפרודלדיגע קוועלער אויף די ווילעזש שטחים אין קארנוואל וואס איז מיט גרויס סיעתא דשמיא אפגעקויפט געווארן עטליכע יאר צוריק, וועלכע פאמפען אין א ראטע פון אריבער 500 גאלאן-פער-מינוט יעדעס איינע פון די קוועלער, און דערנאך מיטן אייבירשטענס הילף די ענדגילטיגע לעזונג פון זיך צוטשעפען צום ריזן 'עקוואדאקט' סיסטעם צו קענען געניסען פון די אפסטעיט וואסער רעזערווארען וועלכע שטעלן צו די וואסער פאר ניו יארק סיטי.

די נייעס איבער די וואסער שטאפל העכערונגען ווערט זייער פאזיטיוו אויפגענומען ביי די קרית יואלער איינוואונער, ובפרט יעצט ווען מען שטייט אין דעם אנגעשטרענגטען ערב פסח סעזאן, ווי וואסער איז א שטארקער געברויך אין א אידישע שטוב, צו דער זעלבער צייט ברויך מען מתפלל זיין אז עס זאל טאקע זיין א שפע פון וואסער, לשובע ולא לרזון, די שטאט וואס רבינו הק' האט מייסד געווען בקדושה וטהרה, זאל ניזון ווערן בזכותו, ובצדקו חון חשרת מים.

VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

Mayor
Abraham Wieder

Administrator-Clerk
Gedalye Szegedin

Trustees
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman

-בילינג דעפארטמענט-

# וויכטיגע מעלדונג

פאר די חשוב'ע איינוואוינער שיחי'

ווען איר ציעט זיך אריבער אין א נייע דירה

מאכט זיכער ארייצורופן אין ווילידזש אפיס
צו איינמעלדן דעם פונקטליכן דאטום ווען איר מופט

כדי מען זאל קענען טראנספערירן אייער וואסער
און סאניטאציע ביל צום נייעם אדרעס

אויב באקומט איר א וואסער ביל פונעם אלטן אדרעס
ביטע רופט אריין ווי פריער אין ווילידזש אפיס אופן נומער:

783-8300 Ext. 1-1-1

מיט דאנק

די בילינג דעפארטמענט

גמ"ח הצלה אפעלירט צו אייך:

פארט איר

סיי ווען, סיי וואו,

און איר האט פלאץ?

ביטע רופט:

845-782-5376

# ווילידזש קאמיוניטי סערוויס דעפארטמענט

## איינגעבן צייטליך אדרעס-טויש ביים "מאטאר וועהיקל דעפארטמענט" פארמיידט עווענטועלע פראבלעמען

דער ווילידזש קאמיוניטי סערוויס דעפארטמענט טוט אויפמערקזאם מאכן פאר די חשוב'ע איינוואוינער אז ווען מען ציעט זיך אריבער צו א נייע דירה איז וויכטיג מען זאל געדענקען איינצוגעבן דעם אדרעס טויש ביי די מאטאר וועהיקל דעפארטמענט פון די סטעיט אוו ניו יארק.

דאס זיך אריבערציען אין א נייע דירה אין קרית יואל איז גאר אן אפטע ערשיינונג ב"ה ווען עס בויען זיך בליעה"ר כסדר פרישע דעוועלאופמענטס אין די שטאט, און דער ציבור פארברייטערט זיך בליעה"ר מיט גרעסערע פאמיליעס און די גרעסערע דירות ווערן אנגעפולט און די קלענערע דירות ווערן איבערגענומען דורך יונגערע פארפעלקער וואס הייבן אן אויפצושטעלן זייער שטוב בשעטומ"צ.

געווענליך ווען מען ציעט זיך אריבער צו א נייע דירה טוט מען געווענליך דאס איינמעלדן פאר די גוטע פריינד און באקאנטע, ווי אויך פאר די יוטיליטי פירמעס, און טעלעפאון ביכער אא"וו. אבער וואס מענטשן פארגעסן געווענליך איז דאס איינצוגעבן פאר דעם מאטאר וועהיקל דעפארטמענט, צוליב וואס דאס איז געווענליך נישט נוגע אויפ'ן פלאץ.

אבער לויט ווי דאס עקספיריענס האט געוויזן אינעם עבר, איז דאס יא א וויכטיגע זאך. דער אדרעס לויט ווי עס איז אפיציעל איינגעגעבן ביי דעם מאטאר וועהיקל דעפארטמענט, אזוי איז דאס פארצייכנט ביי די סטעיט רעגירונג, און שפעטער אויב מאכט זיך סיי וועלכע קאמפליקאציע מיט די אידענטיפיקאציע פאפירן, קען ווערן א פראבלעם ווען דער מענטש איז איינגעגעבן אויף צוויי אדרעסן, וואס דאס טוט פארלענגערן אסאך לעגאלע פראצעדורן.

דעריבער האט דער ווילידזש קאמיוניטי סערוויס דעפארטמענט איבערגעגעבן אז עס איז וויכטיג אז מען זאל איינגעבן די אדרעס-טוישונגען אויך ביים מאטאר וועהיקל דעפארטמענט. כדי צו פארמיידן עווענטועלע פראבלעמען אאויף דעם לענגערן טערמין.

דאס איינגעבן דעם אדרעס טויש איז גאר א גרינגע פראצעדור, עס איז פאראן א ספעציעלע נומער צוגעשטעלט פון דעם ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו מאטאר וועהיקל, די נומער איז:

718-477-4820

עס ברויך אנגעמערקט ווערן אז טראצדעם וואס די געווענליכע מאטאר וועהיקל געברויכן ווערט געמאכט ביים לאקאלן מאטאר וועהיקל אפיס אין גאושען אינעם קאונטי גאווערמענט סענטער, ווערן אבער די אדרעס טוישונגען געפירט דורכ'ן צענטראלן סטעיט אפיס, און מען דארף דאס איינגעבן ביים אויבנדערמאנטן נומער.

## בלויז אריגינעלע דאקומענטן קען געזעצליך גענוצט ווערן ביים מאכן מערידזש לייסענס

ווי באקאנט פאר תושבי קרית יואל איז שוין עטליכע יאר וואס דער ווילידזש האט באוויזן דעם געוואלדיגן אויפטו פון צושטעלן די פרישע סערוויס אז מ'זאל קענען מאכן דעם מערידזש לייסענס דא אין ווילידזש אפיס און נישט דארפן אראפפארן אין טאון ווען מ'וויל גיין מאכן די מערידזש לייסענס.

צווישן די גרויסע דערגרייכונגען ווען מ'האט אריבערגעברענגט דעם מערידזש לייסענס פראצעדור קיין קרית יואל, איז אויסגעארבעט געווארן מיט לעגאלע עקספערטן אז דער פארפאלק מוז נישט ארויפקומען אינאיינעם צום אפיס צו מאכן די לייסענס, נאר ס'איז גענוג אפי' זיי קומען ארויף איין טאג נאכ'ן צווייטן. ד"ה אז אויב דער חתן קומט אריין למשל מאנטאג אונטערצושרייבן די לייסענס, קען די כלה ארויפקומען דינסטאג אויף אונטערצושרייבן און באשטעטיגן די לייסענס.

זעלבסטפארשטענדליך, אז דער גאנצער אונטערנעמונג, איז בלויז צושטאנד קומען אדאנק די נאנטע קאאפעראציע און גוטע באציאונגען וואס די הנהלת הווילידזש האבן אויסגעארבעט מיט די טאון באהערדע און ערווייילטע באאמטע, וועלכע שטייען אייביג גרייט ארויסצוהעלפן מיט אלעם וואס מעגליך פאר די טויזנטער קרית יואל'ער איינוואוינער, כ"י.

אצינד האט דער קאמיוניטי סערוויס דעפארטמענט געבעטן דער ציבור זאל צוקענטעניס נעמען דעם געזעצליכן פארלאנג אז מען קען נישט באשטעטיגן די מערידזש לייסענס נאר מיט די ארגינעלע אידענטיפיקאציע דאקומענטן און נישט קיין קאפיעס אדג"ל.

ביים מאכן דעם מערידזש לייסענס ברויך מען האבן דעם ארגינאלן בוירט סערטיפיקאט אויך אויב מ'איז געבוירן געווארן אין אויסלאנד, ווי אויך ברויך מען האבן א פיקטשער איי-די, עס קען זיין סיי וועלכע שטאטישע פיקטשער איי-די ווי א פאספארט אדער אפי' א מעדיקעיד קארטל.

אויב פארמאגט מען נישט קיין פיקטשער איי-די קען מען אויך מאכן אין ווילידזש אפיס א "ווילידזש פיקטשער איי-די" וואס קען גענוצט ווערן ביים מאכן מערידזש לייסענס.

## איבערקוקן פארזיכטיג נייע פאספארט ביכלעך פון ספעלינג טעותים

ווי באקאנט שטייט דער אפיס פונעם ווילידזש קאמיוניטי סערוויסעס דעפארטמענט גרייט צו באדינען דעם ציבור מיט אלערליי פאספארט איינגעלעגנהייטן, צום צופרידנהייט פון די חשוב'ע איינוואוינער אין קרית יואל. דאס איז שוין עטליכע יאר א געוואלדיגע סערוויס פאר די איינוואוינער אין קרית יואל וואס פלעגן ביז נישט לאנג צוריק האבן אסאך שוועריגקייטן צו מאכן א פאספארט צוליב וואס מען איז געווען געצווינגען ארויסצופארן אויסער די שטאט צו מאכן א פאספארט.

שטייענדיג עטליכע יאר נאכ'ן עפענען דעם פאספארט אפיס, ווען דער ווילידזש קאמיוניטי סערוויס אפיס האט שוין ארויסגעגעבן טויזענטער פאספארטס פאר'ן היימישן ציבור, ווערט אנגעוויזן פארשידענע וויכטיגע אנווייזונגען וואס האט זיך ארויסגעשטעלט אין לויף פון די יארן אז עס איז וויכטיג מענטשן זאלן דאס צו קענטעניס נעמען.

עס האט זיך שוין געמאכט אז ווען די פאספארט ביכל איז אנגעקומען פון דעם פעדעראלן פאספארט אפיס האט דאס פארמאגט ספעלינג טעותים, (זעט אויס אז זיי קענען אויך מאכן טעותים), און אויב מען קוקט דאס נישט איבער און מען באנוצט זיך מיט א פעלערהאפטיגן פאספארט קען זיך מאכן פאשידענע פראבלעמען ביים פארן און קומען. און דערפאר איז וויכטיג מ'זאל גוט איבערקוקן צו אלע אינפארמאציע פון דעם נאמען און געבורט דאטום זענען פולקאם ריכטיג.

ביי דעם געלעגנהייט דארף טאקע באמערקט ווערן אז אסאך מענטשן פארלאזן זיך לכתחילה צו מאכן דעם פאספארט אין די לעצטע מינוט, טראץ וואס אסאך מאל ווייסט מען שוין פאראויס אז מען וועט דארפן פארן קיין קאנאדע אדער איבער'ן ים, דארף מען וויסן אז אויסער די געלט שאדן וואס דאס קאסט טייערער צו מאכן א פארשנעלערטע פאספארט, קען דאס אויך זיין פארבינדן מיט אסאך עגמת נפש, און עס קען פאסירן אז מען זאל למעשה נישט קענען פארן.

מען דארף נעמען אין באטראכט אז עס לוינט זיך סיי ווי צו פארמאגן א פאספארט, אן אמעריקאנע פאספארט ביכל און פאספארט קארטל איז פעליג אויף 10 יאר פאר ערוואקסענע, און 5 יאר פאר קינדער ביז 16 יאר. א פאספארט דינט נישט בלויז צו קענען רייזן קיין אויסלאנד, נאר עס דינט פאקטיש אלס דער שטערקסטער אידענטיפיקאציע פאר יעדן בירגער, און איז א שליסל צו פארשידענע פעדעראלע בענעפיטן.

לויטן געזעץ מוז יעדער בירגער פארמאגן א רעגירונגס באשטעטיגטע פאטא איי די, וואס דאס קען אויך זיין אין פארעם פון א נאן דרייווערס לייסענס אדער א פאספארט קארטל. און אסאך קינדער האבן פראבלעמען העכער די 18 יאר, אויב די עלטערן האבן נישט געמאכט פאר די קינדער קיין אידענטיפיקאציע קארטל איידער די 18 יאר, וואס ווען מען פארמאגט א אידענטיפיקאציע קארטל קען מען פארשפארן אסאך פראבלעמען בעתיד.

אויך איז וויכטיג צו וויסן אז עס איז פיל ביליגער און גרינגער צו באנייען א פאספארט איידער עס איז אפגעלאפן, ווייל נאכדעם וואס דער פאספארט איז אפגעלאפן דארף מען פונדאסניי אפלייען פאר דעם זעלבן פרייז פון א נייע פאספארט.

דער פאספארט אפטיילונג אין ווילידזש קאמיוניטי סערוויס אפיס דינט פולקאם אלע פונקציעס פון יעדן פאספארט אפיס, וואו מען קען מאכן סיי די געווענליכע פאספארט ביכלעך צו פארן קיין אויסלאנד, ווי אויך די פאספארט קארטלעך וואס קאסט פיל ביליגער און קען גענוצט ווערן צו פארן קיין קאנאדע. די אלע פאספארטס ווערן צוגעשטעלט סיי אויף דעם געווענליכן פראצעדור וואס דויערט צווישן 4 ביז 6 וואכן, און סיי די עקספעדייטעד (פארשנעלערטע) פאספארטס, פאר א באזונדערע אפצאל.

די קאמיוניטי סערוויס סטעף גייען כסדר דורך פארשידענע טרענירונגען וואס די רעגירונג פארלאנגט מען זאל קענען אנפירן מיט אזא אפאראט. די ארבייטער אין דעם ווילידזש קאמיוניטי סערוויס אפיס שטייען גרייט צו באדינען אלע איינוואוינער מיט אלע ערליי פאספארט געברויכן, ווי אויך פאר אלע פראגן איבער די פארשידענע רעגולאציעס און געזעצן.

איש את רעהו יעזורו.

---

VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949

Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

Mayor
Abraham Wieder

Administrator-Clerk
Gedalye Szegedin

Trustees
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman

### פרייליכע מעלדונג

**דערמיט ווילן מיר מעלדן פאר די חשוב'ע איינוואוינער שיחיו**

**אז מען קען שוין באצאלן די ווילידזש בילס**

### דורך "קרעדיט קאַרד"

אדער דורך עלעקטראנישע טשעקס (ACH)

פאר אייער באקוועמליכקייט קענט איר באצאלן מיט קרעדיט קארד

**אויפ'ן טעלעפאן**

און דערמיט זיך איינשפארן דאס דארפן צוריקשיקן דורך די פאסט אדער דאס ארויפקומען אין ווילידזש אפיס צו באצאלן די וואסער, גארבידזש און טעקס בילס,

אדער קענט איר זיך איינשרייבן אין אונזער

**אויטאמאטישן פראגראם**

אונטער וועלכן דער ווילידזש וועט אויטאמאטיש אראפרעכענען פונעם קרעדיט קארד חודש'ליך, אז מען זאל נישט דארפן אריינרופן יעדע חודש באזונדער.

*א מינימאלע אפצאל וועט פארלאנגט דורך די פראצעסינג קאמפאני, 3% פאר קרעדיט קארד און $1.95 פאר ACH

**פאר מער אינפארמאציע רופט אין ווילידזש אפיס:**

783-8300 Ext. 4-1

**מיט דאנק**

**די בילינג דעפארטמענט**

# Social Security Column

## SOCIAL SECURITY CARDS AND NUMBERS

Do you know where your Social Security card is located? Hopefully, it's in a safe place, tucked away securely with your other important papers. It certainly should not be in your purse or wallet and should not be carried with you every day since it can be more valuable than cash to an identity thief.

Do you know your Social Security number? Chances are you have it memorized. If you know your number, you may never need your card again. It is the number, not the card, that is most important.

In the event that you lose your Social Security card and really need a replacement, you can find out all the details on how to obtain a replacement card and what specific documents you need to provide at www.socialsecurity.gov/ssnumber. Each situation is unique, but in most cases you simply need to print, complete, and either mail or bring the application to Social Security with the appropriate documentation (originals or certified copies only).

If you need to apply for a Social Security card and number for your child, you can do that the same way, and get the specific information at the same website. In almost all cases, though, an application for your infant's Social Security card and number is taken in the hospital at the same time that you apply for your baby's birth certificate.

Why does a baby need a Social Security number? There are a number of reasons, but the main one is so that you can claim your child as a dependent on your tax return. Social Security numbers are also needed for children to apply for certain government and social service benefits.

As you prepare for tax season, just around the corner, make sure the kids (and all the dependents) that you list on your annual tax return have Social Security numbers. If you want to claim your child as a dependent on your tax return (and who doesn't?) your child will need a Social Security number. Note that all dependents listed on your federal tax return will need Social Security numbers, including a dependent parent who lives with you and receives support from you.

Learn more about Social Security at www.socialsecurity.gov. And learn more about your Social Security card and number at www.socialsecurity.gov/ssnumber, where you can print out an application and find out everything you need for your specific situation

## A "RAISE" FOR PEOPLE WHO GET SOCIAL SECURITY

As we ring in a new year, we can expect to see a number of changes. Social Security is no exception: in 2013, people who receive Social Security or Supplemental Security Income (SSI) payments will see their benefits increase.

Beginning in 2013, a 1.7 percent cost-of-living adjustment (COLA) was applied to all Social Security and SSI payments. The average monthly Social Security benefit for a retired worker in 2013 is $1,261 (up from $1,240 in 2012) and the average monthly Social Security benefit for a disabled worker in 2013 is $1,132 (up from $1,113 in 2012). These changes were reflected in SSI payments dated December 31, 2012 and Social Security payments dated in January 2013.

For people who receive SSI, the maximum federal payment amount has risen to $710 (up from $698).

Other Social Security changes in 2013 are worth noting. For example, a worker now pays Social Security tax on up to $113,700 of annual income (up from $110,100 in 2012). A worker earns one credit after paying taxes on $1,160 in earnings in 2013 (up from $1,130). As always, a worker may earn a maximum of four credits each year and a person generally needs forty credits (or ten years of work) to be eligible for retirement benefits.

To learn more about these and other changes for 2013, visit the Social Security website at www.socialsecurity.gov, and read our fact sheet about the changes at www.socialsecurity.gov/pressoffice/factsheets/colafacts2013.htm.

## Questions and Answers about Social Security cards

**Question:**

**I applied for my child's Social Security card in the hospital but have not received it. How long must I wait?**

**Answer:**

On average, it takes about 4-5 weeks from the time you apply in the hospital until you receive your child's Social Security card in the mail. However, it can vary depending on the State where you live. If you have not received your child's card within six weeks, please visit your local Social Security office. Be sure to take with you proof of your child's citizenship, age and identity as well as proof of your own identity. And remember, we cannot divulge your child's Social Security number over the phone.

**Question:**

**Is it illegal to laminate your Social Security card?**

**Answer:**

No it is not illegal, but it's best not to laminate your card. Laminated cards make it difficult, if not impossible, to detect important security features. Also, your employer may refuse to accept it. The Social Security Act requires Social Security to issue cards that cannot be counterfeited. We incorporate many features to protect the card's integrity. That includes highly specialized paper and printing techniques — some visible to the naked eye and some not. Further, we continue to explore and adopt new technologies that hamper duplication. Keep your Social Security card in a safe place with your other important papers. Do not carry it with you. Learn more at www.socialsecurity.gov/ssnumber.

# סאושעל סעקיוריטי קאלום

איבערגעגעבן און פובליצירט דורכ׳ן סאושל סעקיוריטי אדמיניסטראציע

## וויכטיגקייט פון אָפּהיטן סאָושעל סעקיוריטי קאַרד און נומערן

צי ווייסט איר ווי אייער סאָושעל סעקיוריטי קאַרד געפונט זיך? האָפּנטליך איז עס אַוועקגעלייגט אין אַ פאַרזיכערט אָרט, אַוועקגעלייגט זיכערהייט צוזאַמען מיט אייערע אַנדערע וויכטיגע פּאַפּירן. עס איז נישט ראַטזאַם אַרומצוטראָגן מיט זיך דעם סאָושעל סעקיוריטי קאַרטל אינעם בייטל און אוודאי נישט עס מיטשלעפּן מיט זיך טעגליך אין טאַש, וואָרום פאַר אַ רויבער איז אַ סאָושעל סעקיוריטי קאַרטל מער ווערד ווי קעש געלט.

צי ווייסט איר אייער סאָושעל סעקיוריטי נומער? געוויס יאָ? רוב מענטשן געדענקען דאָס פון זכרון אַרויס. דאָס איז אַלעס וואָס איר דאַרפט. אַלעס וואָס איר דאַרפט איז דער נומער. איר דאַרפט נישט דעם קאַרטל זעלבסט. דעריבער איז נישטאָ קיין אורזאַך אַרומצוטראָגן דעם קאַרטל מיט זיך.

אין פאַל איר פאַרלירט אייער סאָושעל סעקיוריטי קאַרטל און איר דאַרפט אַן ערזעצונג, קענט איר אויסגעפונען אַלע דעטאַלן וויאַזוי צו באַקומען אַן ערזאַץ קאַרטל און וואָסערע ספּעציפישע דאָקומענטן איר דאַרפט צושטעלן, דורך אָנרופן דעם ווילידזש סאָושעל סערוויס דעפּאַרטמענט (845-783-8300 עקסטענשאָן 2), אָדער דעם לאָקאַלן סאָושעל סערוויס אָפיס אין ניובורג אויף: 1-866-504-4801.

אָדער קענט איר אויסגעפונען די אינפאָרמאַציע אויפ׳ן אָנליין אַדרעסע, www.sociallsecurity.gov/ssnumber. יעדע סיטואַציע איז אייגנאַרטיג אָבער אין רוב פעלער דאַרפט איר בלויז אויספילן אַ ספּעציעל פאָרעם און דאָס אַראָפּברענגען צום אָפיס פונעם סאָושעל סעקיוריטי אָפיס, באַגלייט מיט פעליגע דאָקומענטן (נאָר אָריגינאַלע אָדער סערטיפייד קאָפּיעס).

אויב איר דאַרפט אַפּלייען פאַר אַ סאָושעל סעקיוריטי קאַרד פאַר אייער ניי געבוירן קינד, גייט דאָס אויך דער זעלבער וועג. איר קענט זיך ווענדן צו די אויבנדערמאַנטע אָפיסעס אָדער דורך אָנליין. אין רוב פעלער ווערט דער אַפּליקעישאָן אויסגעפילט אין שפּיטאָל בשעת מען פילט אויס די פּאַפּירן פאַר׳ן געבורט-שיין.

פאַרוואָס דאַרף אַ בעבי אַ סאָושעל סעקיוריטי נומער? זייער איינפאַך. כדי צו קענען קלעימען דאָס קקינד אַלס דיפּענדענט אויפ׳ן טעקס ריטוירן. אויך דאַרף מען סאָושעל סעקיוריטי נומערן פאַר קינדער ווען מען וויל זיך איינגעבן פאַר זיי פאַר פאַרשידענע רעגירונגס פּראָגראַמען און סאָושעל סערוויס בענעפיטן.

עס איז וויכטיג אַרויסצושרייבן די נעמען פון אַלע קינדער אויפ׳ן טעקס ריטוירן און אויך זייערע סאָושעל סעקיוריטי נומערן. אָן קיין סאָושעל סעקיוריטי נומערן קען מען קיינעם נישט קלעימען אַלס דיפּענדענט אויפ׳ן טעקס ריטוירן. דאָס נעמט אַריין אפילו ווען אייער פאָטער וואוינט ביי אייך און איר האַלט אים אויס.

איר קענט געוואויר ווערן מער איבער דעם סאָושעל סעקיוריטי פּראָגראַם, ביים אַדרעסע www.socialsecurity.gov אָדער ביי www.socialsecurity.gov/ssnumber וואו איר קענט ארויסדרוקן אַן אַפּליקאַציע און אויסגעפונען אַלעס וואָס איר דאַרפט פאַר אייער ספּעציפישע סיטואַציע.

---

## סאָושעל סעקיוריטי געניסער באַקומען העכערונג אינעם טשעק

סאָושעל סעקיוריטי געניסער האָבן פאַרגאַנגענעם יאַנואַר באַקומען אַ העכערונג אין זייערע טשעקלעך, אַלס אַ טייל פון די יערליכע לעבענס-קאָסטן העכערונגען אין די סאָושעל סעקיוריטי בענעפיטן.

סאָושעל סעקיוריטי געניסער האָבן יאַנואַר 1 13׳ למספ׳ ערהאַלטן אַ 1.7 פּראָצענט לעבענס-קאָסטן צופּאַסונג העכערונג. דער דורכשניטליכער מאָנאַטליכער סאָושעל סעקיוריטי בענעפיט פאַר אַ רעטייערטן אַרבעטער וועט אין קאַלענדער יאָר 13׳ זיין ביי 1,261 דאָלאַר, (קעגן 1,240 דאָלאַר אין 12׳). דער דורכשניטליכער מאָנאַטליכער סאָושעל סעקיוריטי בענעפיט פאַר אַ דיסעיבלד אַרבעטער אין 13׳ וועט זיין ביי 1,132 דאָלאַר, (קעגן 1,113 דאָלאַר אין 12׳).

פאַר די וואָס געניסן פון עס. עס. איי. איז די מאַקסימום בענעפיטן סומע אין יאַנואַר 13׳ געשטיגן צו 710 דאָלאַר, (פון אַ מאַקסימום פון 698 דאָלאַר אין 12׳).

אויך איז וויכטיג אָנצואווייזן אויף אַנדערע טוישונגען אין סאָושעל סעקיוריטי בענעפיטן פאַר יאָר 13׳. צב״ש אַרבעטער דאַרפן צאָלן פּעיראָל שטייערן אויף ביז 113,700 דאָלאַר פון זייערע געהאַלטן, (קעגן אַ מאַקסימום פון 110,100 דאָלאַר אין 12׳). אַן אַרבעטער פאַרדינט איין סאָושעל סעקיוריטי קרעדיט נאָכ׳ן צאָלן סאָושעל סעקיוריטי שטייערן אויף 1,160 דאָלאַר אין פאַרדינסטן אין 13׳, (געשטיגן פון 1,130 דאָלאַר אין 12׳).

אַן אַרבעטער קען פאַרדינען אַ מאַקסימום פון פיר קרעדיטס יערליך, און אַ מענטש דאַרף 40 קרעדיטס, אָדער צען יאָר פון אַרבעט, צו זיין באַרעכטיגט פאַר סאָושעל סעקיוריטי רעטייערמענט בענעפיטן.

---

## פראַגן-און-ענטפערס איבער סאָושעל סעקיוריטי קאַרדס

**פראַגע: איך האָב נאָך זייענדיג אין שפּיטאָל איינגעגעבן פאַר אַ סאָושעל סעקיוריטי קאַרד פאַר מיין ניי-געבוירן קינד, אָבער איך האָב דאָס נאָכנישט ערהאַלטן. ווי לאַנג קען געדויערן אַזאַ פּראָצעדור?**

**ענטפער:** אין דורכשניט דויערט 4-5 וואָכן פון ווען מען גיבט אַריין פאַר׳ן סאָושעל סעקיוריטי קאַרטל ביז מען באַקומט דאָס אויף די פּאָסט. עס קען אָבער טיילמאָל דויערן לענגער אָדער קורצער, געוואָנדן וואו מען וואוינט.

אויב מען האָט נישט ערהאַלטן דעם קאַרטל ביז זעקס וואָכן, איז כדאי אַראָפּצוגיין צום לאָקאַלן סאָושעל סעקיוריטי אָפיס און מיטנעמען מיט זיך: פּרוף אָוו סיטיזענשיפּ פאַר׳ן קינד, פּרוף אָוו עידזש, פּרוף אָוו אידענטיטעט און פּרוף פונעם אייגענעם אידענטיטעט. געדענקט: די סאָושעל סעקיוריטי באַאַמטע קענען נישט אויפ׳ן טעלעפאָן אַרויסגעבן דעם סאָושעל סעקיוריטי נומער פונעם קינד.

**פראַגע: איז עס אומלעגאַל צו לעמינעיטן דעם סאָושעל סעקיוריטי קאַרד?**

**ענטפער:** עס איז נישט אומלעגאַל, אָבער עס איז בעסער נישט צו לעמינעיטן דעם קאַרד. דאָס לעמינעיטן דעם קאַרד מאַכט שווער, און אפילו אוממעגליך, אויפצוכאַפּן וויכטיגע סעקיוריטי איינריכטונגען וואָס די קאַרטלעך פאַרמאָגן, וואָס מיינט אַז אַן אַרבעטסגעבער קען אָפּזאָגן פון עס אַקצעפּטירן אַלס באַווייז כדי ערהאַלטן אַ פּאָסטן.

דער נייער ״סאָושעל סעקיוריטי עקט״ געזעץ פאַרלאַנגט אַז די סאָושעל סעקיוריטי אַדמיניסטראַציע זאָל אַרויסגעבן קאַרדס וואָס קענען נישט געפעלשט ווערן. די אַגענטור שטעלט אַריין פילע ״פיטשערס״ אין די קאַרטלעך צו פאַרזיכערן זייער צוטרויבאַרקייט. דאָס נעמט אַריין נוצן ספּעציעל פּאַפּירן און דרוקעריי טעכניקן, וואָס טייל זענען אָנזעעבאַר צום אויג און אַנדערע נישט.

אויך טוט די אַגענטור כסדר נאָכפאָרשן פרישע זיכערהייט טעכניקן און אַדאָפּטירט כסדר פרישע טעכנאָלאָגיע צו שטערן די וואָס פעלשן סאָושעל סעקיוריטי קאַרטלעך. האַלט דעם סאָושעל סעקיוריטי קאַרטל פאַרזיכערט צווישן אייערע אידענטיפיקאַציע פּאַפּירן און טראָגט דאָס נישט אַרום מיט זיך!

# VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220



**Mayor**
Abraham Wieder

**Administrator-Clerk**
Gedalye Szegedin

**Trustees**
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman


# פרייליכע מעלדונג!

## מיר ווילן מעלדן פאר די חשוב'ע איינוואוינער שיחי'
## אז מען קען ביי אונז אפלייען פאר

# מערידזש לייסענס

## וואס ווערט געמאכט אויפ'ן פלאץ אין ווילידזש אפיס

**מען קען אפלייען פאר מערידזש לייסענס אין די פאלגנדע זמנים:**

**מאנטאג ביז דאנערשטאג: פון 10:00 פארמיטאג ביז 4:00 נאכמיטאג**

**פרייטאג: פון 10:00 ביז 11:00 פארמיטאג**

**אכטונג!**

עס איז וויכטיג אריינצורופן אין ווילידזש אפיס פון פאראויס
צו פארזיכערן אז איר פארמאגט די נויטיגע דאקומענטן
און צו קענען מסדר זיין אלעס אויפ'ן בעסטן פארנעם

פאר מער אינפארמאציע רופט אין ווילידזש אפיס:

# 783-8300 Ext. 2

מיט דאנק

**דער ווילידזש קאמיוניטי סערוויס דעפארטמענט**

# טרעפיק-איבערברייטערונג פראיעקט שפאנט פאראויס; ענווייראמענטאלער איבערזיכט ווערט אריינגעשיקט פאר די סטעיט די. או. טי. (DOT)

## אין בעפארברייטונג צום מאסיוון צען-מיליאן-דאללער'דיגן טרעפיק-פארברייטערונג פראיעקט

(פארזעצונג פון זייט 3)

די אלע גאסן וועלן פארברייטערט ווערן ביז 40 פיס ברייט, צו פארגרינגערן דעם טרעפיק אדורכצופארן פון איין עק שטאט צום אנדערן. ווי אויך וועט אינסטאלירט ווערן ברייטע באקוועמע סיידוואקס אויףביידע זייטן פון די דערמאנטע ראודס, אפי' ביי די חלקים וועלכע זענען אונטער טאון זאונינג, וואס וועט פיל פארגרינגערן פאר די פיסגייער. א צענטראלע חלק פונעם פראיעקט נעמט אריין די פאקט אז ביי אלע אינטערסעקשאנס וועלן אינסטאלירט ווערן ספעציעלע "טוירן לעינס" וואס וועט דראסטיש פארגרינגערן פאר די מאטאריסטן וועלכע דארפן זיך איינדרייען צו די זייטיגע גאסן, און נישט שטערן פאר די אויטאמאבילען וועלכע פארן ווייטער אינעם גלייכען ריכטונג.

אויסערדעם וועט מען ביי צוויי ערטער גענצליך פארקירעווען דעם אריגינעלן ראוד כדי צו פארבעסערן דעם טרעפיק, דאס ערשטע; ביים סטאפ סיין אויף בעיקערטאון רד. צווישן ישראל זופניק דרייוו און דינוב קאורט, וואו ישראל זופניק ראוד וועט פארקירעוועט ווערן און ווערן אויסגעגליכן אלס איין גלייכע ראוד מיט דינוב קאורט, פארמיידענדיג די פארלענגערטע אפשטעל צייטן ביים פארנומענעם אינטערסעקשאן.

די צווייטע פלאץ איז אויף מאונטען ראוד, וואו מען וועט פארקירעווען דעם קאונטי רוט 44 ביים פונקט ווי די קאונטי ראוד קומט אן צו מאונטען רד., אז עס וועט זיך מער נישט ענדיגען ביי מאונטען ראוד אין א פארעם פון א "Y" מיט צוויי שיידפונקטען, נאר עס וועט פארן אין א גלייכע ריכטונג ביז מאונטען ראוד אין קומען צום אן אפשטעל אין פארעם פון א "T", וואו עס וועט אראפגעשטעלט ווערן א "סטאפ סיין" צו צווינגען די שנעל פארענדע קארס אויף קאונטי רוט 44 צו קומען צו א פולקאמען אפשטעל איידער זיי פארן אריין אין מאונטען ראוד, און אזוי ארום פארמיידן בעז"ה פון קומען צו א סכנה ח"ו.

### מאנטאג חקת תשע"א; דער היסטארישער קאנפערענץ אין זאל פון קרן ויואל משה!

אין ליכט פון דעם היסטארישן אונטערנעמונג וואס וועט אפעקטירן דעם גאנצן טרעפיק פון קרית יואל אין די קומענדיגע יארן, האט די ווילידזש אפגעהאלטן א קאנפערענץ פארן ברייטן פובליק אין זאל פון קרן ויואל משה, מיט אנדערהאלבן יאר צוריק מאנטאג פר' חקת תשע"א העעל"ט, פארצושטעלן די גענויע פלענער פאר תושבי העיר, און אויסשמועסן\הערן די מיינונגען, פארשלאגן און קאמענטארן פונעם ציבור, בנוגע דעם פראיעקט.

ביים קאנפערענץ האבן אויפגעטרעטן די אינדזשענירן פון די בארימטע אינטערנאציאנאלע "סטענטעק" אינדזשענירונג-פירמע, וועלכע באפאסן זיך מיטן דעזיינען די אינדזשענירונג-פלענער פארן גאנצן פראיעקט. די אינדזשענירן האבן פרעזענטירט די פונקטליכע פלענער אויף גרויסע טאוולען וועלכע זענען ספעציעל אויפגעשטעלט געווארן פאר דעם צוועק, אנצייגנדיג און אויסשמועסנדיג די גענויע פלענער אויף קלארע מאפעס.

עס זענען אויך אנוועזנד געווארן אויפן ארט אפישעלס און אינדזשענירן פונעם טאון אוו מאנרא – נעמענדיג אין באטראכט אז געוויסע טיילן פונעם פראיעקט וועלן אריינעמען אויך שטחים וועלכע באלאנגען פאר'ן טאון - און זיי האבן געשטעלט פארשידענע פראגעס פאר די אינדזשענירונג-פירמע, וועלכע האבן דיסקוסירט פונקטליך אלע דעטאלירטע אינפארמאציע.

מטעם דעם ווילידזש האבן זיך באטייליגט דער איבערמידליכער ווילידזש אדמיניסטראטאר הרה"ח ר' גדלי' סעגעדין הי"ו; הר"ר משה גרובער הי"ו ווילידזש קאנסאלטענט; און דער ווילידזש פלענינג-אינדזשעניר מר. דזשערי מאקדאנעלנד.

נאכדעם וואס די אינדזשענירן האבן אויפטרעטן מיט א ברייטע פרעזענטאציע פון אלע פלענער צו געבן א בליק פאר תושבי העיר – סיי דרייווערס און סיי פיסגייער – איבערן מאסיוון פראיעקט. דאן זענען די פלענער אויסגעשמועסט געווארן דורכן ציבור, וועלכע האבן אויסגענוצט די געלעגנהייט צו לאזן הערן זייערע מיינונגען – פון אייגענער ערפארונג – וויאזוי צו פארבעסערן און פארשענערן דעם פראיעקט צו יעדנ'ס וואונטש און צעפרידנהייט.

עס האבן זיך באטייליגט פארשטייער פון די בארימטע "מאנרא באס" פירמע; "טראנספארטאציע דעפארטמענט" פון די מוסדות הק'; און די ווילידזש באס סערוויס; "סאניטאציע דעפארטמענט" און "מצילי אש"; פארשטייער פון די היימישע קאר סערוויס און טעקסי פירמעס; און אינגעלייט וואס זייער פרנסה איז אין די דעליווערי ליין; אזוי אויך א באדייטענדע צאל פיסגייער, וועלכע האבן כולם כאחד געלאזט הערן ווי וויכטיג דער פראיעקט איז פארן ברייטן ציבור, און דערביי האבן זיי פארגעשלאגן פארשידענע נוצליכע און ווערדפולע אינפארמאציע וועלכע וועט בעז"ה בייהילפיג זיין פאר דעם קריטיש-וויכטיגן פראיעקט.

באזונדער האט דער קאנפערענץ אריינגענומען דער באטייליגונג פון חשובע פראפערטי-אייגנטומער און בוי-דעוועלאפער שיחיו – וועמענס שטחים גרעניצן זיך מיט דעם ריזן פראיעקט, וועלכע קענען ווערן אפעקטירט פון דעם וויכטיגע אונטערנעמונג, די אינזשענירען זענען אריבערגעגאנגען מיט די אלע אייגנטומער די פונקטליכע דעטאלן פונעם פראיעקט, מיט פרטים וואס זענען נוגע יעדן שטח באזונדער.

בנוסף לזה וואס אלע געדאנקען און פארשלאגן פונעם ציבור זענען פארצייכנט געווארן ביי די אינדזשענירן; זענען פארטיילט געווארן ספעציעלע בויגנ'ס אויפצוצייכענען שריפטליך סיי וועלכע מיינונג\פארשלאג וואס קען זיין בייהילפיג פארן פראיעקט. די אלע געדאנקען וועלן גענומען ווערן אין באטראכט – סיי פון די דרייווערס און סיי פון די פיסגייער – בנוגע די ראודס, סיידוואקס, טוירן לעינס, טרעפיק סיגנאלן, סטאפ סיינס, אא"וו, כדי צו פארזיכערן אז דער פראיעקט ווערט געקרוינט מיט סוקסעס צו יעדנס צופרידנהייט בעז"ה.

### דער ענווייראמענטאל איבערזיכט

די קומענדיגע קריטישע פאזע נאכן קאנפערענץ איז געווען אהערצושטעלן אן 'ענווייראמענטאל רעוויו' אויפן גאנצן פראיעקט, דאס באדייט אז די ווילידזש איז באויפטראגט פארצושטעלן אן אפיציעלער איבערזיכט פאר אלע מוניציפאליטעטן וועלכע ווערן אפעקטירט פון דעם פראיעקט, אין אונזער פאל באדייט דאס; די קאונטי, די סטעיט און די טאונס פון מאנראו און וואודבורי, וואס טייל פון די ראודס געפונען זיך אונטער אנדערע יוריסדיקציעס, דער איבערזיכט ברויך פארצושטעלן פאר די דערמאנטע ביוראען, וויאזוי אזא פראיעקט גייט זיך אפרופען פון אן ענווייראמענטאלע שטאנדפונקט, אויף די פארגעשלאגענע שטחים.

דער איבערזיכט איז וויכטיג זיכער צו מאכן אז גארנישט ווערט נישט אפעקטירט אויף א נעגאטיוועז פארנעם, נישט דורכאויס דעם בוי פראיעקט און נישט נאכדעם וואס דער פראיעקט איז פארטיג, מצד דעם טרעפיק פארקער אויף די גאסן אא"וו, די ווילידזש האט ספעציעל אויפגענומען א טייערע אינזשענירונג פירמע וועלכע צייכענען זיך אויס מיטן אפשרייבען אזעלכע איבערזיכטען, און נאך חדשים שווערע ארבייט פון אהין און צוריק דעטאלן, איז ב"ה דער באריכט געענדיגט געווארן און דערונטער ארויסגעשיקט געווארן צו די אלע דערמאנטע מוניציפאליטעטן, איידער מ'גייט צו די קומענדיגע פאזעס.

פארשטייט זיך אז די דערמאנטע ביוראקראציעס ארבייטן ווייט נישט אויף נוסח קרית יואל, און יעדע פון זיי נעמען די מאקסימום צייט אויף איבערצוגיין דעם באריכט און אריינגעבן זייערע הגהות, דאס זעלבסט האט גענומען באלד א יאר, ביז ווען מ'האט ענדליך זוכה געווען אדורכצוקומען מיט די אלע דערמאנטע אפיסעס, אויף צו קענען שטופן דעם פראיעקט צו קומענדיגען שטאפל.

### די צוויי פאזעס פונעם מאסיוון פראיעקט

דאס נעקסטע שטאפל באדייט דאס אריינגעבן די ענדגילטיגע פלענער באגלייט מיט די באשטעטיגטע ענווייראמענטאל איבערזיכט פאר די ניו יארק סטעיט "דעפארטמענט אוו טראנפארטעישן" באקאנט אונטער די בוכשטאבן פון DOT , דאס ווערט פארלאנגט פון די פעדעראלע רעגירונג וועלכע וועט אי"ה פינאנצירן דעם פראיעקט אין גרענטס, אז דאס געלט זאל דורכגיין די סטעיט און די סטעיט DOT אגענטור זאל פארפיגען אויפן פראיעקט, און אלעס זאל דורכגיין זייער באשטעטיגונג, דערנאך קען מען בעז"ה צוטרעטן צום בידינג פראצעדור אויסצוקלויבן די קאמפאני וואס וועט אהערשטעלן דעם פראיעקט.

די יעצטיגע פלענער לויטן אז דער פראיעקט זאל צוטיילט ווערן אין צוויי פאזעס, די ערשטע פינעף-מיליאן דאלארדיגע פאזע קען זיך אנהייבן אזוי פרי ווי אין די ערשטע העלפט פונעם קומענדיגען יאר סעזאן שנת תשע"ד הבעל"ט, און וועט זיך ציען בייליפיג אנדערהאלבן יאר, און דערנאך וועט מען אריינגען איינעם צווייטן פאזע.

די ערשטע פאזע וועט אריינעמען דאס פארברייטערן די צענטראלע טרעף-פונקט פון פארעסט-מאונטן-עיקערס, עס וועט פארברייטערט ווערן אויף עיקערס רד. מיט א באזונדערע טוירן לעין פאר רעכטס צו קאריץ, און א באזונדערע לעין לינקס צו פארעסט, און די זעלבע זאך אויף פארעסט ראוד סיי ארויף צו קאריץ און סיי אראפקומענדיג פון קאריץ, וועט זיין א באזונדערע לעין רעכטס צו פארעסט און א באזונדערע לעין לינקס צו עיקערס.

דאס זעלבע וועט זיין אויף ביידע זייטן פארעסט ראוד צו מאונטען ראוד, מיט באזונדערע טורן לעין'ס ארויף צו מאונטען ראוד, און באזונדערע לעין'ס צו פארן גראד, די אלע אינטערסעקשאנס וועלן פארברייטערן ווערן פון דרייסיג צו פערציג פיס.

אויך וועט די ערשטע פאזע אריינעמען דאס פארברייטערונג און איבעראַרבייט פון מאונטען ראוד, פון אנהייב ביי פארעסט ראוד ארויף ביז צום מצילי אש גאראזש ביי חברון, דאס גאנצע ראוד וועט פארברייטערט ווערן צו פערציג פיס, מיט באקוועמע ברייטע סיידוואלקס פאר פיסגייער מיט קעריזשעס אויף די זייטן פונעם ראוד, און אויך דער נייער טרעפיק אויסשטעל ביים גרעניץ פון קאונטי ראוד 44 מיט מאונטען ראוד, וואס ווי דערמאנט וועט דארט דער טרעפיק פארקירעוועט ווערן צו פארגרינגערן פאר די פילע קארס פון מאונטען ראוד.

### זיצונג מיט די חשוב'ע פראפערטי אייגנטומער

אין א באזונדערע אקט צו ערמעגליכען אז דער ריזיגער פראיעקט זאל קענען פארגיין אומגעשטערט, האט דער ווילידזש ארויסגעשיקט אן איינלדענונג צו אלע פראפערטי אייגנטומער שיחיו, וועלכע גייען ווערן אפעקטירט דורכאויס דעם פראיעקט, צו ערשיינען אין די קומענדיגע וואכן צו א ספעציעלן זיצונג, ווי דער ווילידזש וועט פרעזענטירן די ענדגילטיגע פלענער און אויסשמועסן מיט יעדן באזונדער, וואס דאס גייט באדייטען אויף זיין פראפערטי.

צו דעם צוועק האט דער ווילידזש אויפגענומען א באזונדערע פירמע וועלכע געבן זיך אפ מיט אזלעכע אנגעלעגנהייטן, די פירמע פארשטייער וועלן אויך אנוועזנד זיין ביי דעם וויכטיגען זיצונג, און וועלן אויסשמועסן מיט יעדן אייגנטומער פארשידענע איינצלהייטן געזעצן און אנדערע וויכטיגע אינפארמאציע וואס די אייגנטומער ברויכן וויסען בשייכות מיט די געפלאנטע בוי ארבייט, אז די ארבייט זאל קענען אנגיין אויפן גרינגסטען און שנעלסטען אופן.

קרית יואלער איינוואוינער זענען איינשטימיג ענטוזיאסטיש צו דעם מאסיווען אונטערנעמונג, וואס אנטשפרעכט גענצליך איבערצואַרבייטן באדייטנדע חלקים פונעם צענטראלן אינפראסטראקטור אינעם שטעטל, א פראיעקט וואס האט נאכנישט געהאט זיינס גלייכן אין די היסטאריע פון קרית יואל, בלייבט נאר איבער צו וואונטשן הצלחה וברכה במעשה ידם פון די חשובע הנהלת הווילידזש, אז עס זאלן אוודאי נישט אונטערקומען קיין אומפאראויסגעזעענע שטרויכלונגען, און די ארבייט זאל קענען אויסגעפירט ווערן געשיקט און אפעקטיוו, מרחיב צו זיין די גאסן און די גבולי הקדושה, כי עתה הרחיב ה' לנו ופרינו בארץ, ביז מיר וועלן זוכה זיין צום ענדגילטיגען הרחבה בביאת הגואל במהרה אמן.



**די שטארק באנוצטע מאונטען גאס וואס ווערט באנוצט דורך הונדערטער משפחות בליעה"ר אנצוקומען צום עצי תמרים געגנט און ארום, איז ארייגערעכנט צווישן די גאסן וועלכע וועלן בעז"ה פארברייטערט ווערן און וועט צוגעשטעלט ווערן מיט באקוועמע סיידוואקס צום צופרידנהייט פון תושבי קרית יואל**

# סאַניטעישאָן דעפּאַרטמענט ספּראַוועט זיך מיט פּראָבלעם ביי פּראָנט-לאָודער טראָק

(פארזעצונג פון זייט 3)

תושבי קרית יואל האָבן טאַקע געזען דעם קאָמישן בילד, ווען די ריער-לאָודער טראָקס קומען צופאָרן צו די פירקאַנטיגע גאַרבעדזש קאָנטעינאָרס, און דערינען שפּרונגט אַריין אַ גוי און נעמט זיך אומצערעמאָניעל אַרויסוואַרפן די גאַרבעדזש זעקלעך צו זיינע שותפים אַרבעטער אינדרויסן און זיי וואַרפן דאָס אַריין מיט די האַנט אינעם ריער-לאָודער טראָק. אַזוי האָט מען זיך אויף צייטווייליג אַן עצה געגעבן, אַז דער מעכאַנישער פּראָבלעם מיט'ן פראָנט-לאָודער טראָק זאָל נישט שאַפן אָנזאַמלונג פון גאַרבעדזש אין שטאָט.

עס האָט גענומען עטליכע טעג און דער פראָנט-לאָודער טראָק איז פאַרראָכטן, געוואָרן און מען האָט דאָס צוריקגעברענגט אין דינסט, און די ווירטשאַפט איז צוריקגעגאַנגען צו געהעריג. תושבי קרית יואל האָבן אָפּגעגעבן אַ דאַנק פאַר'ן ווילידזש סאַניטאַציע דעפּאַרטמענט פאַר די שווערע אַרבעט וואָס זיי האָבן אַהערגעשטעלט, און פאַר די כסדר'דיגע אַרבעט און מיה צוהאלטן די שטאָט ריין און ציכטיג.

# שטאט קרית יואל באוויינט פטירה פון לאנגיעריגן דאקטאר, וועלט בארימטער הארץ ספעציאליסט, דר. יהודא (לייב) רובין ע"ה

**לאנגיעריגער מעדיקעל דירעקטאר פון "עזרת חולים העלט צענטער" און "חברה הצלה - קרית יואל" - אויסגערופענער בעל חסד ארויסהעלפנדיג הונדערטער היימישע פאציענטן דורכאויס זיין פרעסטיזשפולער קאריערע - פלוצים נפטר געווארן אין עלטער פון 74 יאר**

(פארזעצונג פון זייט 3)

זיי באמערקט, און זיי ארויסגערופען צו קומען נעמען שיריים פונעם רבי'ן ז"ל. דר. רובין פלעגט דערציילן אז ער האט זיך צוגעכאפט דערצו, אבער זיין חבר איז צוריקגעשטאנען און האט נישט געוואלט גיין נעמען, לימים האט דאקטער רובים זוכה געווען מעמיד צו זיין א ערליכע שטוב, א בית נאמן בישראל, מיט קינדער און אייניקלעך יראים ושלימים, אבער ליידער דער דערמאנטער חבר האט נישט זוכה געווען דערצו, ווען פון זיין גאנצע שטוב האט זיך ל"ע נישט געהאלטן קיין ערליכע דורות, דער דאקטאר פלעגט דאס שטענדיג איבערדערציילן מיט התרגשות און צולייגן אז ער איז בטוח אז דאס וואס ער האט זוכה געווען איז בזכות פון די הייליגע שיריים, און ליידער דער חבר זיינער וואס האט נישט געהאט דעם שכל דערצו, האט נעבעך אלעס אנגעווארן.

נאכ'ן ענדיגן זיינע לימודים אין די ישיבה איז ער געגאנגען שטודירען מעדיצין, וואו ער האט זיך גאר שנעל ערווארבן א נאמען אלס א געניטער דאקטאר, מיט א אידיש הארץ און א שטארקע געטריישאפט, נאכ'ן ענדיגן זיינע שטודיעס און דערגרייכן די אפיציעלע סערטיפיקאטן האט דאקטאר רובין געעפנט זיין אייגענעם אפיס אין מאנסי, וואו ער האט זיך באקאנט געמאכט אלס א געלונגענער הארץ דאקטאר און שטארקער ספעציאליסט. די פארגאנגענע 44 יאר האט דאקטאר רובין געטריי באדינט די מאנסיער תושבים אין זיין אפיס אויף עירמאנט ראוד, און שפעטער מיט די גרינדונג פון קרית יואל האט דאקטאר רובין אויך געעפנט א באזונדערע אפיס אינעם טאון אוו מאנרא צו קענען באדינען די היימישע קרית יואל'ער איינוואוינער.

אין מאנסי איז דאקטאר רובין געווען א צענטראלער מיטגליד אין די קהילה און מוסדות חפץ חיים, מיסודו של הגאון רבי מנחם מענדל זאקס ז"ל דער איידעם פונעם חפץ חיים זצ"ל, דר. רובין איז געווען שטארק אקטיוו אין די הנהלת המוסד והקהילה, און האט אויך געהאט די זכי' צו זיין א פערזענליכער חברותא פון רבי גרשון זאקס ז"ל, דער זון און מ"מ פון רבי מענדל זאקס און אייניקל פון הייליגן חפץ חיים זצ"ל, (רבי גרשון זאקס איז געווען אן איידעם ביי הרה"ק רבי חנוך העניך מאיער זצ"ל מקערעצקי בעמח"ס יד חנוך פון זיין זיווג שני, בזווג ראשון איז דער קערעצקיער רב געווען אן איידעם ביים הייליגן קדושת יו"ט און שווער פון רביה"ק בעל ברך משה זצ"ל בזוו"ר) טראגנדיג אן ערנסטער כאראקטער פון א תלמיד חכם ויר"ש.

בכלל האט ער אויסגענוצט יעדע איבריגע מינוט צו לערנען, און דאס איז געווען זיין שטרעבן צו זעהן ביי זיינע אייגענע קינדער, עס האט דערציילט איינע פון זיינע זון, אז זיין טאטע דער נפטר ע"ה פלעגט לערנען מיט אים יעדן טאג נאך אלס קינד, און צו די בר מצוה האט ער שוין מסיים געווען גאנץ מס' בבא בתרא, אין דעם שיעור וואס ער האט געהאט מיט זיין טאטן, דער נפטר פלעגט שטענדיג זאגן אז יעדן דאלאר וואס ער פארדינט, לייגט ער אוועק צו קענען שטיצן זיינע קינדער און אייניקלעך אז זיי זאלן קענען זיצן און לערנען, א זאך צו וואס ער האט טאקע זוכה געווען, צו א שטוב פון בני תורה און יראי השם, וועלכע זיצן על התורה ועל העבודה א גאנצן טאג

דער עלטערער דור ווייסט צו דערציילן איבער די פערזענליכע התקרבות וואס דאקטער רובין האט גענאסן ביי רבינו הק' זי"ע, וואו דער דאקטאר איז אויף אסאך פעלער ארויסגערופן געווארן צו באהאנדלען דעם רבי'ן זי"ע בסוף ימיו עלי אדמות, וואוינענדיג אין קרית יואל אין די לעצטערע יארן, דר. רובין האט אלע יארן געהאלטן דאס פאר א ספעציעלע חשיבות, און פלעגט דאס שטענדיג ארויסברענגען ביי פארשידענע געלעגנהייטן, ווי ער האט געהאט די זכי' מהנה צו זיין דעם צדיק וקדוש אבינו רועינו זי"ע, און שפעטער ווען רביה"ק בעל ברך משה זי"ע פלעגט וויילן זומער דא אין קרית יואל, איז אויסגעקומען עטליכע מאל אז דאקטאר רובין איז ארויסגערופען געווארן צום רבי'ן פאר באהאנדלונג, פארשטייט זיך אז ער איז געקומען כעבדא קמיה מרא, מיט א זעלטענע יראת הכבוד און דרך ארץ, ווי ער האט דאס געהאלטן פאר א זכי' צו קענען משמש זיין און באהאנדלען דעם רבן של ישראל.

זייענדיג א שכן טוב צו קרית יואל, און א דאקטאר מיט גאר שטארקע דערגרייכונגען אין די מעדיצינישע וועלט, איז דאקטאר רובין אויפגענומען געווארן דורך די הנהלה פון "עזרת חולים העלט צענטער" אלס דער "מעדיקל דירעקטאר". א פאזיציע וואס ער האט אנגעהאלטן ביז צום לעצטן טאג, די אנוועזנהייט פון דר. רובין אלס איר 'מעדיקל דירעקטאר' אינעם העלט צענטער האט דערהויבן איר פראמינענץ און שטארק צוגעגעבן צו קענען דערגרייכן פארשידענע גרויסע דורכברוכן אינעם מעדיקעל צענטער, ווי צו ברענגען הויכראנגיקע דאקטורים, אדער אנדערע וויכטיגע מעדיצינישע מאסנאמען ווי אן אייגענע לאבראטאריע וואס פארלאנגט זיך לויטן געזעץ צו שטיין אונטער די אויפזיכט פון א פראמינענטער דאקטאר. אזוי אויך איז דאקטאר רובין געווען שטארק אקטיוו אינעם העלט צענטער ארויפצוברענגען דעם ניווא פון די סערוויסעס, וואו ער איז כסדר געווען אין פארבינדונג מיט די הנהלה און דאקטוירים ביים פאסן וויכטיגע באשלוסן און פאליסיס.

צו דער זעלבער צייט האט דר. רובין געדינט פאר לאנגע יארן אלס דער מעדיקעל דירעקטאר פון די "חברה הצלה" אין קרית יואל, וואו ער איז געווען שטארק בייהילפיג פאר די הצלה ביי פארשידענע פעלער, ספעציעל ווען מען האט געברויכט צוקומען צו זיינע קשרים ביי שפיטעלער און דאקטוירים, זייענדיג אן אנערקענטער דאקטאר האט ער זוכה געווען ארויסצוהעלפן פילצאליגע פאציענטן אין עמערזשענסי פעלער מיט ספעציעלע געברויכן.

גאר שטארק האט זיך ארויסגעשטעלט דאקטאר רובינ'ס עסקנות לשם שמים, מיט זיין פשרה'לאזער קאמף אויף פארשידענע געביטן, מציל צו זיין נפשות מישראל אפי' נאר אויף חיי שעה, א זאך וואס איז גאר שטארק ארויסגעברענגט געווארן ביי די לוי', וויאזוי ער האט אינוועסטירט אסאך כוחות צו קעמפן אין די מעדיצינישע וועלט קעגן דעם ענין פון פארנאכלעסיגן א מענטשנ'ס לעבן ווען א מענטש האלט ל"ע ביי א מצב וואס ער לעבט נאר אויף מאשינען און אנדערע מכשירים, אז כל עוד בו נשמתו זאל חלילה וחס נישט צוקומען אז דאקטוירים זאלן פאר'משפט'ן א מענטש, ובפרט א אידיש נפש צו א פריצייטיגע פטירה רח"ל.

פארגאנגענעם דינסטאג פרשת משפטים כ"ה שבט, האט די טרויעריגע נייעס איבער די פלוצלינג'דיגע פטירה פון דאקטאר רובין באטראפן די אידישע וועלט בכלל, און תושבי קרית יואל בפרט, ווי א דונער אינמיטן העלן טאג. דאקטאר רובין וועלכער האט ליידער געליטן אויפן הארץ די לעצטערע יארן איז ל"ע באטראפן געווארן מיט א מאסיווע הארץ אטאקע רח"ל, און באלד דערויף איז ער שוין ל"ע נישט געווען בין החיים. דעם עלטערן דור תושבי קרית יואל האט דאס פערזענליך באריערט, זייענדיג מקושר שוין צענדליגער יארן מיטן בארימטען דאקטאר טרעפנדיג ביי אים שטענדיג אן אוזן קשבת איבערצושמועסן מעדיצינישע שריט אד"ג.

די לויה איז פארגעקומען נאך יענעם דינסטאג נאכמיטאג פארנט פונעם ביהמ"ד וכולל חפץ חיים אין מאנסי, וואו דער חשוב'ער נפטר איז ווי דערמאנט געווען א מתפלל און מיטגליד אריבער פערציג יאר. מען האט געהערט הספדים פון די רבנים החשובים ממשפחת זאקס שליט"א אור-אייניקלעך פונעם חפץ חיים, וועלכע האבן גאר שטארק ארויסגעברענגט די אבידה שאין לה תמורה, אזוי אויך האבן מספיד געווען די קינדער ובני משפחה מיט טיפע הרגשים איבער זייער פערזענליכער פארלוסט אלס א טאטע און זיידע.

פון קרית יואל איז שטארק אנוועזנד געווען א גרויסער עולם, בפרט די הנהלה פון עזרת חולים וועלכע האבן גענאסן די אלע יארן פון דאקטאר רובינ'ס געטריישאפט, און אזוי אויך א צאל חברה הצלה מיטגלידער און פאראמעדיקס מיט וועמען דאקטאר רובין האט די אלע יארן אזוי געטריי מיטגעארבעט און ארויסגעהאלפן, אויך האבן זיך אנגעזעהן די באטייליגונג פון צענדליגע יחידים, תושבי קרית יואל פאציענטן און פארעהרער פונעם בארימטן דאקטאר און איש החסד, וועלכע האבן דורכאויס זיין לעבן גענאסן פון זיינע מדות נשגבות און כשרונות.

דאקטאר רובין האט איבערגעלאזט א דור ישרים ומבורך, קינדער און אייניקלעך בני תורה ויראי השם. די פטירה פון דאקטאר רובין לאזט איבער א שטארקער חלל, וואס ער וועט לאנגע יארן געדענקט ווערן אלס א זעלטענער איש המעש און שטארקער בעל חסד. זאלן די אלע פעולות לטובה וואס דער נפטר האט געטאן בחיים חיותו געדענקט ווערן לעילוי נשמתו, ותהא נשמת ר' יהודה ב"ר חיים ע"ה צרורה בצרור החיים, ביז מיר וועלן זוכה זיין צו בלע המוות לנצח בביאת הגואל אמן.

---

דורכאויס די אלע יארן איז דער נאמען פון דאקטאר רובין געווארן באקאנט אין די אלגעמיינע און אידישע גאס אלס א גרויסער מומחה אין הארץ אנגעלעגנהייטן. אסאך ערנסטע דאקטוירים און ארגאניזאציעס האבן זיך גערעכנט מיט זיין מיינונג, ובפרט איז באקאנט געווען אז דער דאקטאר האט געהאט א באדייטנדע ראלע אינעם אויסטרעף פונעם "פעיסמעיקער", דער מאשין וואס ווערט איינגעפלאנצט אינעם הארץ, צו העלפן דאס הארץ פונקציאנירן אין פעלער ווי דאס הארץ איז אפגעשוואכט רח"ל פון אליינס אויסצופירן אירע פונקציעס.

אלס א גרויסער הארץ דאקטאר, איז אים אויסגעקומען אסאך ארויסצוהעלפן יחידים מיט ערנסטע הארץ-פראבלעמען אונטער פארשידענע שווערע אומשטענדן, ווי עס האט מיטגעטיילט מיט דער שרייבער פון 'הקריה' א פערזענליכע געשיכטע, איינער פון די הונדערטער מענטשן וועם דאקטאר רובין ז"ל האט ממש גערעטעוועט ממות לחיים.

דער איד יבדלחט"א איז ל"ע נישט מער געדאכט אריינגעפירט געווארן אין שפיטאל אין אן עמערזשענסי צושטאנד, וואו ער איז באלד געווארן דיאגנאזירט מיט ערנסטע הארץ פעלערן, נעמליך עטליכע גאר וויכטיגע אדערן וועלכע פירן בלוט פון און צו דאס הארץ, זענען געווען ערנסט פארשטאפט רח"ל, וואס אין אזא מצב איז געווענליך די איינציגע עצה צו קענען האלטן דאס לעבן, נאר דורכ'ן אונטערגיין א שווערע פראצעדור באקאנט אלס א 'בייפעס אפעראציע' ווי די פעלערדיגע אדערן פונעם הארץ ווערן איינגעטוישט מיט אנדערע אדערן פונעם מענטשליכען קערפער.

ביי דעם פאל איז דער דערמאנטער אפעראציע געווען אונטער גאר א שטארקע פראגע צייכן, דער חולה האט ל"ע געהאט גאר א שוואכן קערפער אין אלגעמיין אויף צו קענען אדורכטראגן אזא פראצעדור, און די דאקטוירים האבן זיך דאס נישט געוואלט אונטערנעמען, אפרעדנדיג דעם איד אז אפי' ער זאל דאס דורכמאכן, וועט ער ל"ע זיין א 'קריפל' אין די קומענדיגע יארן וואס ער וועט לעבן, ממילא איז שוין ענדערש ער זאל בלייבן מיט די אדערן ווי זיי זענען, און אויסלעבן די באשערטע יארן ווילאנג ער קען.

פארשטייט זיך אז א איד גיט נישט אזוי שנעל אויף, און אפי' א חרב חדה ליגט אויפן הארץ איז אן ערליכער איד זיך נישט מייאש מן הרחמים, האט זיך דער איד געווענדן צום בעל חסד און אידישען דאקטאר וועלכער איז געווען באקאנט מיט זיין גאלדענעם הארץ, דער בארימטער דאקטאר רובין, דאקטאר רובין האט גענומען די עקסרעי רעזולטאטן און באטראכט אלע אפציעס, און ער איז געקומען צו די באלדיגע החלטה אז מ'מוז דעם איד העלפן און שאפן א דאקטאר וואס זאל זיך יא אונטערנעמען אזא האקעלע אפעראציע, פארשטייט זיך אז דאס מוז זיין א געניטער ספעציאליסט און א מומחה אויף דעם געביט.

נישט טראכטנדיג קיין צוויי, א אידיש נפש איז אין א סכנה, האט דאקטאר רובין אנגעהויבן אויסצונוצן זיינע קשרים און לאנגיעריגע באקאנטשאפטן אין דעם פעלד, ער האט זיך פארבינדען מיט איינע פון די גרעסטע הארץ ספעציעליסטן, גאר א גרויסער דאקטאר און כירורג וואס איז ממש נישט מעגליך צוצוקומען צו אים סתם אזוי, ער ווערט גענוצט געווענליך נאר דורך עליטע ווי פאליטישע שישקעס און גבירים, וועלכע לאזן זיך באצאלן שווערע געלטער פאר זיין באהאנדלונג, דאקטאר רובין האט אים ממש באצווינגען אויפצונעמען דעם איד, ער האט אים אפי' פארגעשריבען א דיאגראמע וויאזוי ער זאל דורכפירן דעם אפעראציע, אז עס זאל האבן די ווייניגסטע נאכווייען, און ועל כולם אזוי ווי דער איד האט נישט געהאט מער ווי א פשוט'ער אינשורענס פלאן, האט ער אים באוואוגען אז ער זאל נישט רעכענען קיין איין איבריגע צענט מער וויפיל די אינשורענס דעקט.

מ'ברויך באטאנען אז דער איד איז נישט געווען דאקטאר רובינ'ס פאציענט פון בעפאר, ער האט נישט געהאט קיין פערזענליכע שייכות מיט'ן דאקטאר, נאר זיין רחמנות און גרעניצלאזע מדת החסד האט אים פשוט נישט געלאזט זען דעם איד פאלן, איבריג צו זאגן אז דער ספעציאליסט האט אדורכגעפירט דעם אפעראציע מיט גרויס געניטשאפט, ומכאן שניתן רשות לרופא לרפאות, השי"ת איז געשטאנען למעלה מראשותיו של חולה, און בחסדי השם איז די אפעראציע געקרוינט געווארן מיט גרויס סוקסעס, און ביז אפאר חדשים האט דער איד געפראוועט א סעודת הודאה ניצל ווערנדיג ממות לחיים אין פולן זין פון ווארט.

דער איד פירט אויס זיין שמועס 'איך בין אים שולדיג מיין לעבן', ארויסברענגדיג די נאנטע התקשרות מיט וואס ער איז שפעטער געבליבן מיט דאקטאר רובין, אבער דא לייגט ער צו, אז ביים דאקטאר זעלבסט איז דאס געווען ווי נאטורליך, נישט מאכנדיג דערפון קיין ווזן, ולא מחזיק טיבותא לנפשיה, שפירנדיג אז דאס איז זיין תפקיד אויף דער וועלט, אזוי האט דער חשובער נפטר ארויסגעהאלפן צענדליגע און אפשר הונדערטער פאציענטן דרכאויס די אלע יארן.

# אבל יחיד עשי לך

מיט גרויס צער און ווייטאג האבן מיר אויפגענומען די בשורה לא טובה אז עס איז פלוצלונג אוועקגעריסן געווארן פון אונז דער אלעמען באליבטער אויסגערופענער דאקטאר וועלכער איז געשטאנען יארן לאנג אין שפיץ פונעם "עזרת חולים העלט צענטער" זינט איר גרינדונג, און זיך איבערגעגעבן בלב ונפש מיט זעלטענער געטריישאפט און געוואלדיגער מומחיות לטובת אלע אונזערע פאציענטן, ה"ה

# דר. יהודה (לייב) רובין ע"ה

מעדיקעל דירעקטאר – "עזרת חולים העלט צענטער"

## שנעדר מאתנו בפתע פתאום
## ביום ג' יתרו, כ"ה שבט

אין נאמען פון אונזערע טויזנטער פאציענטן וועלכע האבן אומצאליגע מאל גענאסן פון זיין לב טוב און מעשי חסד, און אין נאמען פון די גאנצע שטאט קרית יואל, טוען מיר אויסדריקן אונזערע טיפסטע טרייסט ווינטשן פאר להבחל"ח משפחתו החשובה הי"ו, זיי זאלן מער קיינמאל נישט וויסן פון קיין צער און עגמת נפש.

**מיר זענען בטוח אז זיינע אומצאליגע זכותים פון ארויסהעלפן אידישע קינדער, ווי בכלל זיין גאנץ לעבן וואס איז געווען איין לאנגער קייט פון תורה ועבודה וגמילות חסדים, וזכות אבותיו הקדושים, וועלן אים באגלייטן און שיצן אין לעכטיגן גן עדן.**

ויה"ר אז מיר זאלן שוין בקרוב זוכה זיין צו ביאת משיח צדקינו, ובלע המות לנצח ומחה ה' דמעה מעל כל פנים, ונאמר אמן.

מיט טיפן צער

**הנהלת עזרת חולים**

לע"נ
יהודה
בן חיים רובין ע"ה

Ezras Choilim Health Center
עזרת חולים
קרית יואל
E.C. H.C.
(845) 782-3242

DESIGN & PRINT / 845.782.3382

# ספעציעלע פלעצער איבער אלע עקן שטאט ווערט היי־יאר דעזיגנירט פאר "שריפת חמץ"

(פארזעצונג פון זייט 1)

ספעציעלע פלעצער פאר שריפת חמץ אונטער'ן אויפזיכט פון "מצילי אש", איז אויפגעברענגט געווארן דורך עטליכע אחריות'דיגע עסקנים ממש הארט פאר פסח פארגאנגענעם יאר, נאכדעם וואס ס'איז פון יאר-צו-יאר איבערצייגט געווארן די סכנות פון די פילע פריוואטע פייערלעך וואס זענען שוין געווען ארויס פון קאנטראל... די עסקנים האבן אנגעוויזן מיט רעכט, אז אין אלע געגנטער סיי אין ניו יארק און סיי אין אנדערע מקומות זענען שוין לאנג אזוי איינגעפירט אז דער ציבור קומט פארברענען די חמץ בלויז ביי ספעציעלע צוגעשטעלטע פלעצער וואו ס'איז אונטער שטרענגע אויפזיכט, און יעדער בר דעת קאאפערירט מיט פארשטענדעניש, פארשטייענדיג אז צו מאכן א פריוואטע פייער אינעם חצר איז א שפיל מיט פייער...

טראצדעם וואס פארגאנגענעם יאר צוליב די לעצט-מינוטיגע מעלדונג איז בלויז צוגעשטעלט געווארן דריי צענטראלע פלעצער, דאך איז מען געווען איבערראשט צו זעהן ווי א גאר א גרויסער ציבור האט זיך צוגעשטעלט דערצו, מ'האט געזען אידן פון אלע עקן פון די שטאט קומען צו פארן מיט די קארס, פילע פון זיי מיט די קינדער, וויסנדיג אז דארט ווערט דאס חמץ פארברענט אונטער אן אחריות פון ערוואקסענע מענטשן וועלכע באווארענען אז די קינדער זאלן נישט צוקומען צו נאנט צום פייער און פון די אנדערע זייט קענען זיי געהעריג מיטהאלטן די מצוה פון ביעור חמץ.

דערפון איז אינאיינוועגס ארויסגעקומען א שטארקע הידור מצוה, וויבאלד עס זענען געברענגט געווארן ספעציעלע קאנטעינארס וואו אלע חמץ האט זיך געפונען אויף איין פלאץ און די מצילי אש וואלונטירן — אונטער די געניטע אנפירערשאפט פונעם טשיף ר' יושע בלומענטאל הי"ו - האבן זיכער געמאכט אז אלעס ווערט פארברענט בעפאר דער פייער ווערט פארלאשן, אנדערש ווי ביז היינט ווען מענטשן האבן ארייגעווארפן זייער חמץ און זענען אוועקגעגאנגען נאך 5-10 מינוט, צווינגענדיג די מצילי אש צו פארלעשן די פייערן וועלכע זענען געבליבן אן די אויפזיכט פון אן ערוואקסענעם.

גאר א שטארקע חיזוק איז געווען ווען כ"ק מרן רבינו שליט"א איז ארויסגעקומען מביתו נאוה קודש צו פארברענען דעם חמץ, און ער האט געמאלדן רצון קדשו אז ער וויל גיין פארברענען דעם חמץ אינאיינעם מיט די אנדערע אידן ברוב עם. דער רבי שליט"א איז טאקע אריבערגעגאנגען צום גרויסן פייער אויף סקאנעמאנק ראוד וואו ער האט פארברענט דעם חמץ. אויך הגה"צ הדומ"ץ שליט"א איז געגאנגען פארברענען דעם חמץ אויף בעיקערטאון ראוד אינאיינעם מיט פילע צענדליגער אנדערע אידן.

נאך די שטארקע חיזוק פון פאריאר און נאכ'ן מיטהאלטן במשך די יארן פילע פראבלעמען פון אומקאנטראלירטע פייערן, האט מען דאסמאל גענומען צייטליכע שריט איבערצוגיין אלע פלענער וויאזוי דראסטיש צו פארבעסערן דעם סיסטעם אויף היי-יאר, אז ס'זאל דורכגעפירט געווארן בשלימות מיט די קאאפעראציע פון אלע איינוואוינער, כדי צו קענען גענצליך אויסראטן די קלענערע פייערן וואס ווערן אנגעצינדן אן קיין שום אויפזיכט דורך קינדער/בחורים וואס ניצן דאס אויס פאר אונטערהאלטונג, און ס'האט שוין געקאסט אסאך עגמת נפש פאר תושבי קרית יואל, אפגערעדט פון גרויסע געלט שאדנס צו פארריכטן די ראודס און אויסגעמוטשטעטע כוחות וואס דאס האט געקאסט פאר די געטרייע 'מצילי אש' וואלונטירן דארפנדיג ארומלויפן פון איין פייער צום צווייטן איבער'ן גאנצן שטעטל אין די אנגעצויגענע ערב פסח שעה'ן.

ווי געזאגט, ווערט אי"ה אויף היי-יאר צוגעשטעלט 10 צענטראלע פלעצער איבער אלע עקן שטאט, וואו 'בלויז' דארטן וועלן אלע איינוואוינער קומען פארברענען די חמץ, אונטער די פולע קאנטראל פון 'מצילי אש'. (פאלגט נאך מער פרטים אין די קומענדיגע טעג)

אלע עמוירדזשענסי און לעגאלע אגענטורן זענען מאביליזירט צו טוען אלעס וואס מעגליך צוצוהעלפן אפשטעלן די אומאויטאריזירטע פריוואטע פייערן, וואס דער פאקט האט געוויזן סיי דאהי אין קרית יואל און סיי אין אנדערע געגנטער, אז דאס האט שוין צו טייער געקאסט, ס'האט געברענגט ערנסטע בראנד-וואונדן ביי קינדער און עגמת נפש פאר די עלטערן.

דערפאר איז אוודאי צו ערווארטן אז אלע תושבי קרית יואל וועלן זיך צושטעלן דערצו און קאאפערירן מיט פארשטענדעניש געני ווי אונזע ברידער אין אנדערע געגנטער, כדי צו פארזיכערן אז די מצוה פון 'שריפת חמץ' ווערט אי"ה דורכגעפירט אויפ'ן בעסטן מהדור'דיגסטן אופן פאר די זיכערקייט פון אלע איינוואוינער.

על ביעור חמץ.

## שריפת חמץ ביז תשע"ג: די סכנה'דיגע אומפאראנטווארטליכע "שריפת חמץ" פייערן וואס פלעגן 'אמאל' אנגעצינדן ווערן ברחובות הקריי, וואס האט געברענגט שרעקליכע סכנות און עטליכע ערנסטע אינצידענטן. היי-יאר ווערט אי"ה צוגעשטעלט 10 צענטראלע פלעצער איבער גאנץ קרית יואל, צו די צופרידנהייט און פולסטע קאאפעראציע פון אלע איינוואוינער



א אומקאנטראלירבארע פייער בלאקירט דעם ראוד טראפיק אין דעם פארנומענעם ערב פסח



קינדער שפילן זיך נעבן אומקאנטראלירטע פייערן אן קיין אנוועזנהייט פון ערוואקסענע



א שריפת חמץ פייער אויף א קאנסטראקשן ארט שטעלט אין געפאר עטליכע געביידעס



דער קינד האט שוין ארייגעווארפן דאס רעדל!

# היסטארישער דורכברוך ווערט געפלאנט מיטן שאפונג פונעם גראנדיעזן "מירון-רימינוב קאנעקטאר ראוד" צו באהעפטן צוויי עקן פון קרית יואל

(פארזעצונג פון זייט 1)

איז געבויעט געווארן דער בית המדרש הגדול מיטן רבי'נס הויז, איז אבער פארשטענדליך אז אין יענע יארן איז די רעדע געווען פון גאר א קליינעם פראצענט, קעגן די ראטע פון קארס כהיום יום, וועלכע מאכן זייער וועג אריבער דעם שטעטל, אויף די זעלבע אריגינעלע ראודס וואס האט דעמאלטס געדינט מיט פערציג יאר צוריק.

צו לינדערן דעם פראבלעם האט דער ווילעדזש אויפגענומען געניטע אינזשענירן, צו באטראכטן עטליכע לעזונגען דורכן צושטעלן אלטערנאטיווע ראודס צו צוטיילן דעם טראפיק, בעזרת השי"ת איז געלונגען אויסצואורבייטן א פלאן אהערצושטעלן א שפאגל נייעם ראוד, אויפן ליידיגן שטח וועלכע ציט זיך פון מירון דרייוו אונטער פראג בלווד. ביז רימינאוו קאורט, אקעגן איבער ישיבת עצי חיים, בעת וואס מערסטנטייל פונעם דערמאנטן וואלד איז באצייכענט אין די מאפעס אלס 'וועט-לאנד' ד.ה. לאנד וואס לויט די ענווייראמענטאלע פארשריפטן פון ניו יארק, טאר דאס נישט באריערט ווערן, איז פארט געלונגען צו טרעפן כמעט פונקט גענוג לאנד וועלכע פאלט נישט אונטער די קאטעגאריע, צו קענען אויספלאסטערן דעם דערמאנטן ראוד.

[פארשטייט זיך אז די ערלויבעניש צו קענען בויען נעבן אזעלכע שטחים איז אנגעהאנגען אין ספעציעלע פארשריפטן, ווי קאסטבארע בריקלעך איבער די זומפן אד"ג, און מען האפט צו השי"ת אז די פארלאנגען זאלן נישט אריינציען אין אזעלכע הויכע קאסטן פון שווערע מיליאנען דאלארן וואס וועט ממש נישט זיין מעגליך צו דעקן, וואס אפילו די איצטיגע ערווארטעטע קאסטן פאר'ן פראיעקט זענען א גרויסע עבודה צו פארשאפן, ווי פארשטענדליך.]

דער בעפארשטייענדער "מירון-רימינוב קאנעקטאר" שטראז וועט זיך אנהייבן פון מירון דרייוו, אויפן שטח צווישן פראג בלווד. און טברי', אינעם דרום ריכטונג ביז אונטער דעם שטח פראג דעד-ענד, דארט וועט דער ראוד זיך דרייען צום מערב ריכטונג ביז צו רימינאוו קאורט, ווי ער וועט זיך ענדיגען אקעגן איבער סטראפקוב קאורט.

די מעלות פון מאכן דעם מירון-רימינאוו קאנעקטאר ראוד אויף דעם דערמאנטן שטח איז פילפאכיג, בנוסף צום אלגעמיינעם טראפיק דערלייכטערונג, ווערט דער ראוד געבויעט אלס א זעלבסשטענדיגע 'סערוויס ראוד', וואס וועט לויפן אין ביידע ריכטונגען פונעם טראפיק אן קיין אפשטעל אינדערמיט, נישט דורכגייענדיג קיין שום פריוואטע הייזער וכדו', און אפי' ארויסקומענדיג אויף רימינוב קאורט ביז צו קוויקוועי ראוד, איז כמעט נישט פארהאנען קיין רעזידענציאלע שטחים, וואס מיינט צום ביישפיל אז דער וועג אנצוקומען פונעם ביזנעס צענטער צום שאפינג צענטער, וואס קען היינט געדויערן באלד צעהן מינוט, קען בעזהשי"ת געשניטען ווערן צו נישטיגע צוויי-דריי מינוט, און צו דער זעלבער צייט וועט דאס אויטאמאטיש מאכן גרינגער דאס באוועגן אויף די דערמאנטע צענטראלע גאסן פון עיקרס און פארעסט ראודס, אראפנעמענדיג א געשאצטע איבער פופציג פראצענט פון די טעגליכע טראפיק.

די ערשטע שריט צו קענען אהערשטעלן אזא אונטערנעמונג, איז צו ערהאלטן די נויטיגע פערמיטען פונעם ניו יארק סטעיט ענווייראמענטאלער אגענטור באקאנט אלס די. די. אי. סי., היות דער שטח איז ווי דערמאנט בעיקר באזירט אויף וועט-לענד, פאלט דאס אונטער זייער יוריסדיקציע און אן זייער ערלויבעניש קען דארט גארנישט געבויעט ווערן, גאר פראפעסיאנאלע מומחים און אינדזשענירן אין דעם געביט זענען אויפגענומען געווארן דורכן ווילידזש צו באגלייטן און אהערצושטעלן דעם גאנצן פערמיט פראצעדור.

די קומענדיגע ארבייט וועט זיין קאנצענטרירט צו שאפן די נויטיגע פאנדן אויף צו קענען אנהייבן מיט די ארבייט, און צו דער זעלבער צייט פארהאנדלען מיט פאטענציעלע בוי פירמעס, וועלכע קענען אונטערנעמען אזא מאסיווע פראיעקט, ווי אויך ווערן די טעג אויסגעארבייט אלע ארומיגע פרטים איבערן ראוד, ווי 'סיידוואלקס' פאר פיסגייער וועלכע ווילען נוצן דעם וועג אנצוקומען פון איין זייט צום צווייטען, אויף א רואיגען שפאציר צווישען ביימער און גראז, און אנדערע איינריכטונגען ווי באלייכטונגס לעקטער שטאנגען וכדו'.

עס איז צום האפן אז מ'וועט בקרוב קענען מעלדן איבער די פאקטישע בוי ארבייט, אלס א פרישע רינגעלע אינעם לאנגען קייט פון צופרידנשטעלנדע סערוויס, צו פארגרינגערן די וועגן פאר די טויזנטער קרית יואלער משפחות, ובזכות זה זאל השי"ת אונז אלע לייכטער מאכן די וועגן, צו גיין בדרך הישר והרצוי אלע אונזערע לעבנסטעג.

די נייעס איבער דעם נייעם ראוד, קומט אין א צייט ווען קרית יואל'ער דרייווערס זענען נאך אונטערן פורים-טרעפיק רושם, וואס טראץ אלע באמיאונגען פונעם ווילעדזש פאבליק סעיפטי דעפט. צו פארגרינגערן די שווערע פורים טראפיק, דורכאויס דעם גאנצן שטעטל, איז נאך אלץ פורים כמעט דער סאמע שווערסטע טראפיק טאג אינעם קיילעכדיגען יאר, און דער פראבלעם שטייגט מיט וואס א יאר עס גייט אדורך.

דער פורים טראפיק איז א קאמבינאציע פון איינוואונער וועלכע זענען מקיים די מצוות היום פון; משלוח מנות, מתנות לאביונים און סעודת פורים, מ'פארט פון איין עק שטעטל צום אנדערן, איבערצוגעבן משלוח מנות פאר מלמדים, לערערינס, קרובים און ידידים, צו דער זעלבער צייט פארן ארום גרעסערע טראקס און קאראוואנען מיט בחורים וועלכע גייען ארום צו נדיבים בעם זאמלען געלט פאר וויכטיגע צוועקן, און דערצו קומט צו די קארס פון משפחות וועלכע קומען פון נאנט און ווייט צו פראוועגען די סעודת פורים ביי די עלטערן, וואס אויסער די פארנדע טראפיק, לייגט דאס צו פארקירטע קארס ביי די זייטן פון די ראוס, וואס פארשווערט גאר שטארק דאס באוועגן פון קארס אין אלע ריכטונגען.

מיט די פארברייטערונג פונעם שטעטל אויף פארשידענע ווינקלען, האט דאס צוגעברענגט אז די אלע דערמאנטע קארס אויף די ראודס, מאכן זייער וועג עטליכע מאל אינעם טאג פון איין עק שטעטל ביזן אנדערן, וואס באדייט אז הונדערטער קארס פארן אדורך אזעלכע צענטראלע גאסן ווי; עיקרס, פארעסט און מאונטען ראוד, מיט אפשטעל פונקטן ביי די באוואונטע גאסן פון; לעמבערג, קראלי, סאטמאר און ישראל זופניק דר., וואס שטעלט אזא גאס ווי עיקרס ראוד אונטער אומגעהויערע דרוק, פון קארס וועלכע פארן אין ביידע ריכטונגען, און קארס וועלכע ווילן אריינקומען אין עיקרס פון די זייטיגע גאסן.

במשך דעם פארגאנגענעם יום הפורים העעל"ט האט די פאבליק סעיפטי דעפט. געטאן א מורא'דיגע ארבייט, ביים קאנטראלירען די טראפיק אויף עיקרס רד., עס זאל נישט קומען צו קיין גרידלאק, וואס האט געהאט א געלונגענעם אפעקט, אבער מיט דעם אלעמען איז געווען א גרויסע אפקומעניש פאר הונדערטער קארס, דורכאויס דעם גאנצן פורים טאג אריבערצופארן דעם שטעטל, אן דארפן זיצן אין א שווערע טרעפיק.

דער נייער "מירון-רימינוב קאנעקטאר ראוד" וועט בעזהשי"ת זיין גאר א שטארקע לעזונג צו דעם פראבלעם, ראשית כל וועט דאס צוטיילן דעם טרעפיק אין האלב, שיקענדיג לכל הפחות האלב פון אלע קארס צום נייעם ראוד, אויף אריבערצוגיין דעם שטעטל, בשעת וואס דער נייער ראוד גופא וועט אי"ה נישט האבן קיין אייגענעם טרעפיק פראבלעמען, היות עס וועלן נישט זיין קיין אפשטעל פונקטן דורכאויס די לענג פונעם ראוד, וואס באדייט אויטאמאטיש אז די קארס וועלן גאלאפירען פאראויס אין ביידע ריכטונגען, אן דארפן אריינלאזן אדער ארויסלאזן קארס צו זייטיגע געסליך.

וימי הפורים האלה לא יעברו וזכרם לא יסוף מזרעם



# עלה והצלח

מיט גרויס שבח והודי' צו השי"ת ווילן מיר אויסדריקן אונזער פרייד איבער דעם געוואלדיגן סוקסעס צו וואס מיר האבן ב"ה זוכה געווען אין די לעצטע 6 חדשים, נאכדעם וואס עס איז אונז געלונגען אריינצוברענגען אין די **"זשענעראל מעדיצין"** אפטיילונג פונעם עזרת חולים דעם אויסגעצייכנטן און בארימטן

# דר. ר' יהודה זעליג קאמינעצקי הי"ו

## Jeffrey Kaminetzky, MD

### אלס פול-טיים דאקטאר במשך די גאנצע וואך

ווי הונדערטער צופרידענע פאציענטן האבן שוין געזען פונדערנאנט זיין זעלטענע צוגעלאזנקייט, געטריישאפט, און פראפעסיאנאליזם, וואס האט ב"ה אסאך צוגעגעבן צו די אלגעמיינע געזונטהייט פון די שטאט קרית יואל

נאך די אויסגעצייכנטע 6 חדשים ב"ה, איז אונז א גרויס הנאה צו מעלדן אז דער חשוב'ער דאקטאר הי"ו איז אויפגענומען געווארן אלס

**דירעקטאר**

פון די

**"זשענעראל מעדיצין"**

אפטיילונג

צו שטיין אין שפיץ פון די גאנצע אפטיילונג, און פון די מאסיווע אויסברייטערונג וואס קומט פאר אינעם אפטיילונג צו קענען נאכקומען דעם וואקסנדן פארלאנג פונעם ריזן ציבור בליעה"ר.

אין נאמען פון אונזערע טויזנטער פאציענטן און אלע תושבי קרית יואל ווינטשן מיר אים אסאך הצלחה און סיעתא דשמיא אין זיין עבודת הקודש, צו קענען הייבן דעם ניווא פון די געזונטהייט סערוויסעס אין די שטאט צום העכסטן שטאפל, און ער זאל זוכה זיין צו זיין דער ריכטיגער שליח צו העלפן אידישע קינדער מקיים זיין די הייליגע מצוה פון "ונשמרתם מאוד לנפשותיכם", עד ביאת הגוא"צ בב"א.

ווי עס ווינטשט, **הנהלת עזרת חולים**

Ezras Choilim Health Center

עזרת חולים

קרית יואל

E.C. H.C.

(845) 782-3242


*Chairman*
Abraham Wieder

*Board of Directors*
Moses Goldstein
Martin Schlesinger
Israel Sofer
Chaim N. Werczberger
Chaim N. Weinstock
Pinchas Kish
Ronald J. Cohen
N. R. Weiss
E. Srugo
E. Rubinstein

*Executive Director*
Joel Mittelman





DESIGN & PRINT / 845.782.3382

# אינטערוויו

**מיט**

# דר. ר' יהודה זעליג קאַמינעצקי הי"ו

# Jeffrey S. Kaminetzky, MD

**ניי-אויפגענומענער דירעקטאר פון "זשענעראל מעדיצין" אפטיילונג אין עזרת חולים העלט צענטער**

## איינדרוקן פון 6 חדשים אלס פול-טיים דאקטאר אין עזרת חולים

**אין די לעצטע זעקס מאנאטן האט די שטאט קרית יואל אויפגעלעבט מיט די פרייליכע נייעס אז דער "עזרת חולים העלט צענטער" האט ב"ה באוויזן אהערצוברענגען דעם בארימטן דר. קאמינעצקי, וועלכער האט שוין באדינט לאנגע יארן דעם ציבור אין מאנסי און זיך דארט ערווארבן א ריזיגן און לאיאלן קליענטעל, וואס האט אים געמאכט א גאר פאסיגער קאנדידאט ווען דער עזרת חולים האט געזוכט אריינצוברענגען א געלונגענעם דאקטאר פול-טיים צו קענען צושטעלן דעם בעסטן געזונטהייט סערוויס פאר די טויזנטער קרית יואל'ער איינוואוינער כ"י.**

**אויסער זיין געוואלדיגן עקספערטיז און אויסגערופענעם נאמען האט דר. קאמינעצקי די ספעציעלע מעלה פאר תושבי קרית יואל דערמיט וואס ער איז א ערליכער איד וועלכער האט גרונטליך ארויס די ספעציפישע געברויכן און פארלאנגען פון אזא הייליגע שטאט ווי קרית יואל, מיט די אומשטענדן וועלכע זענען גאר איינגארטיג פאר שומרי תורה ומצוות.**

**במשך די זעקס חדשים וואס דר. קאמינעצקי געפינט זיך אין עזרת חולים האבן שוין הונדערטער פאציענטן אנגעיאגט זיך צו באקענען פונדערנאנט מיט זיין ערפארונג און געניטשאפט, וואס האט ב"ה גאר פאזיטיוו אפגעקלינגען אין די שטאט.**

**מ'דארף נישט קיין בעסערע ראי' ווי דאס אז אין די לעצטע וואכן, נאך וואס דער עזרת חולים בפרט, און קרית יואל בכלל, האט געליטן דעם אומשאצבארן פארלוסט מיט די פלוצים'דיגע פטירה פון בארימטן דר. יהודה (לייב) רובין ע"ה, דער לאנגיאריגער מעדיקעל דירעקטאר פון עזרת חולים העלט צענטער, האט די הנהלה פון עזרת חולים באשלאסן אויפצונעמען דר. קאמינעצקי הי"ו צו דינען אלס דער דירעקטאר פונעם "זשענעראל מעדיצין" אפטיילונג אינערהאלב דעם עזרת חולים, וואו ער וועט אויפזיכטן אויף די גאנצע ווירטשאפט, און אויף די בעפארשטייענדע אויסברייטערונג וואס ווערט געפלאנט אין די אפטיילונג נאכצוקומען דעם וואקסנדן געברויך פון די טויזנטער איינוואוינער כ"י.**

**אין אנבליק פון די נייע פאזיציע, און אויך אפצוצייכענען די זעקס מאנאטן וואס דר. קאמינעצקי הי"ו באדינט שוין געטריי די פאציענטן אין קרית יואל, האט דער "הקריה" זיך אראפגעזעצט מיט'ן געערטן דאקטאר ארויסצוהאבן זיינע איינדרוקן פון די עיר הגדולה לאלקים – א גאסט אויף א ווייל זעט א מייל... – און בכלל אינפארמאציע וואס קען זיין אינטערעסאנט פאר'ן ציבור צו הערן. לייענט און האט הנאה.**

**הקריה: א גוטן הער דאקטאר. צוערשט ווילן מיר אייך גראטולירן פאר אייער נייע פאזיציע אלס דירעקטאר פון די "זשענעראל מעדיצין" אפטיילונג. מיר ווינטשן אייך אין נאמען פון דער "הקריה" און די גאנצע שטאט קרית יואל א שטארקן סוקסעס אין אייער הייליגע ארבעט. אין די ראמען פון די געווענליכע צוגרייטונגען צום אינטערוויו האבן מיר געהערט זייער גוטע גריסן איבער אייך פון מענטשן וועלכע קענען אייך פון מאנסי, אבער בעפאר מיר גייען אריין אין אייער אויפגאבע דא אינעם עזרת חולים העלט צענטער, ערלויבט אונז ביטע צו בעטן איר זאלט פארשטעלן פאר אונזערע טויזנטער לייענער אייער מעדיצינישער 'בעקגראונד'.**

**דר. קאמינעצקי:** זייער גערן. ס'איז נישטא באמת צופיל צו דערציילן.

איך בין אויפגעוואקסן מיינע יוגנט יארן אין בארא פארק, וואו איך האב געלערנט אלס קינד אין ישיבת "תורת אמת" ביז די צייט וואס איך בין אריין אין די ישיבה. דאן האב איך געלערנט עטליכע יאר אין די מירער ישיבה אין פלעטבוש אונטער הגאון ר' שמואל בירנבוים זצ"ל און הגאון ר' שרגא משה קאלמענאוויטש זצ"ל, וועלכע זענען דאן געווען די ראשי הישיבה.

נאכ'ן ארויסגיין פון ישיבה בין איך געגאנגען שטודירן מעדיצין פאר עטליכע יאר ביז ווען איך האב גראדואירט און באקומען מיין מעדיצינישע MD דעגרי. עס וועט זיין אינטערעסאנט צו באמערקן אז מיין דעגרי איז געקומען מיט "מעדיקעל האנארס", דאס איז א ספעציעלע אויסצייכענונג וואס ווערט צוגעטיילט דורך די פרעסטיזשפולע "אַלפאַ אָמעגאַ אַלפאַ האנאר מעדיקעל סאסייעטי" און ווערט צוגעטיילט יערליך פאר א קליינעם פראצענט פון מעדיצינישע סטודענטן.

זעלטן וועט מען טרעפן א דאקטאר אין "זשענעראל מעדיצין" וועלכער האט גראדואירט מיט "מעדיקעל האנארס". פאר מיר פערזענליך האט יא געצויגן אריינצוגיין ענדערש אין "זשענעראל מעדיצין", קודם כל ווייל איך האב געשפירט אז דאס 'רעדט צו מיר', און איך קען דארט העלפן מענטשן מער ווי אין ספעציפישע פראפעסיעס. אויך, אלס ארטאדאקסישער איד, איז מיר אסאך גרינגער זיך אויסצוקומען אינעם פעלד פון "זשענעראל מעדיצין" אין א וועג וואס זאל קלאפן מיט שמירת התורה והמצוות מער ווי אין אנדערע ספעציפישע פעלדער.

על כל פנים, נאך וואס מען גראדואירט אבער דארף מען נאך גיין פראקטיצירן מעדיצין עטליכע יאר אין א שפיטאל בעפאר מ'קריגט א לייסענס צו קענען אליין פראקטיצירן מעדיצין. דאס ווערט אנגערופן א "רעזידענסי", ד.ה. א "רעזידענט דאקטאר" וואס מ'זעט אפט אין שפיטעלער וויאזוי זיי ארבעטן אינאיינעם מיט די גרויסע דאקטוירים כדי צו באקומען פיזישער ערפארונג אין די קאמפליצירטע וועלט פון מעדיצין. נאך 3-4 יאר זיין א רעזידענט דאקטאר קען מען אליין גיין פראקטיצירן מעדיצין.

איך האב געהאט עטליכע אויסוואלן וואו צו דינען מיין "רעזידענסי", אבער איך האב שווער געארבעט צו קריגן א "רעזידענסי" אין א שפיטאל וואס שטעלט מיר צו דעם אויסוואל צו האלטן שבת כהלכתה, ווי די רבנים האבן מיר גע'פסק'עט. ס'זענען אבער פאראן זייער ווייניג שפיטעלער וועלכע שטעלן צו אזא אויסוואל – מ'דארף נעמען אין באטראכט אז יעדער שפיטאל מוז אנגיין אויך שבת ויו"ט, און אויב זיי נעמען אריין א רעזידענט דאקטאר וואס קומט נישט אריין שבת צו דער ארבעט, דאן מוזן זיי אויפנעמען אויף זיין פלאץ א רעזידענט דאקטאר וואס זאל אריינקומען בלויז אויף שבת, עפעס וואס איז זייער נישט פראקטיש און נישט אויסגעהאלטן, נישט מעדיציניש און נישט פינאנציעל.

רוב גראדואירטע ארטאדאקסישע דאקטוירים וועלכע זוכן צו קריגן א לייסענס וועלן דעריבער אננעמען א "רעזידענסי" אין א געווענליכן שפיטאל, און דארט ארומארבעטן זיך אויסצוטוישן מיט אנדערע רעזידענט דאקטוירים צו ארבעטן זונטאג אד"ג אנשטאט שבת, און אנדערע אזעלכע טאקטיקן. אבער נאטורליך איז דאס פארבינדן מיט גרויסע שוועריקייטן און אומאנגענעמליכקייט.

צווישן די געציילטע שפיטעלער וועלכע שטעלן צו א מעגליכקייט פאר א שומר-שבת רעזידענסי, איז דער "לאנג איילענד זשואיש מעדיקעל צענטער". זיי האבן אויך נישט קיין סאך עפענונגען, נישט מער ווי 8 "סלאָטס" פאר שומרי שבת רעזידענט דאקטוירים, אבער קעגן דעם קריגן זיי יערליך גאר אסאך אפליקאציעס פון מערערע ארטאדאקסישע מעדיצינישע סטודענטן וועלכע זוכן צו קריגן די שומר-שבת רעזידענסי. מיר איז ב"ה געלונגען צו קריגן איינע פון די דאזיגע רעזידענסיס. דאס איז געווען אין יאר תשנ"א, 991' למספרם.

נאך דריי יאר וואס איך האב געארבעט אלס רעזידענט דאקטאר אין "לאנג איילענד זשואיש", פון 91' ביז 94', האב איך באקומען צוגעטיילט דעם אויסצייכענונג צו ווערן אויפגענומען אלס "טשיף מעדיקעל רעזידענט" דארט אין "לאנג איילענד זשואיש", וואס בלויז איין רעזידענט דאקטאר ווערט אויסגעקליבן דערפאר יעדעס יאר. איך האב געדינט אלס "טשיף מעדיקעל רעזידענט" אינעם יאר פון 94'-95'.

ווען איך האב ענדליך געענדיגט מיין רעזידענסי און געקריגן די לייסענס צו פראקטיצירן מעדיצין האב איך זיך אריבערגעצויגן קיין מאנסי, א שטאט מיט אסאך היימישע אידן, וואו איך האב אנגעהויבן שטעלן מיינע ערשטע טריט אין די מעדיצינישע וועלט. פאר א קורצע צייט האב איך געארבעט מיט א גרופע דאקטוירים, אבער יענע גרופע האט זיך נישט אויסגעארבעט און איך האב אנגעהויבן ארבעטן אינאיינעם מיט אן אנדערן דאקטאר וועלכער האט געהאט געעפנט אן אפיס, און מיר האבן אנגעהויבן וואקסן.

אין יאר 2000 האב איך געעפנט מיין אייגענעם פריוואטן דאקטאר'ס אפיס, און ב"ה אין די 12 יאר פונעם אפיס האב איך דארט אויפגעבויט א גרויסע לאיאלע קליענטעל באזע מיט וועמען איך האב אנטוויקלט א שטארקן פערזענליכן קשר. בעפאר איך האב צוגעשפארט פאר'ן אהערקומען האב איך פארמאגט א סך הכל פון אריבער 4,000 פאציענטן, וועמען איך האב באדינט רעגלמעסיג.

**הקריה: וואס האט אייך באוואויגן זיך אנצושליסן אינעם "עזרת חולים העלט צענטער"?**

**דר. קאמינעצקי:** דו דארפסט קודם פארשטיין אז די מעדיצינישע וועלט איז דורכגעגאנגען גאר דראמאטישע ענדערונגען אין די לעצטע 18 יאר, זינט איך האב אנגעהויבן צו פראקטיצירן מעדיצין.

מיט'ן לויף פון די יארן האט די אינשורענס אינדוסטריע זיך געטוישט מן הקצה אל הקצה. די HMO'ס זענען געווארן שטארק פאפולער און אנגעהויבן אריינקומען בערך אין די זעלבע צייט וואס איך בין אריין אינעם מעדיצין פעלד, און זיי האבן צוביסלעך גענומען טוישן דעם וועג וויאזוי דאקטוירים ווערן באצאלט.

וואס איז אבער געווארן אסאך א גרעסערער פראבלעם איז דער פאקט אז ס'איז געווארן זייער קאמפליצירט צו קענען אויסרעכענען יעדעס מאל וויאזוי צו טשארזשן פאר די אינשורענס פירמעס. עס זענען כסדר ארויסגעקומען נייע פארשידענע רעגולאציעס, און דאס האט פארלאנגט אז יעדער דאקטאר זאל מוזן האבן א געהעריגן שטאב וואס זאל זיך אפגעבן מיט ארויסשיקן די בילס פאר די אינשורענס פירמעס. פאר א דאקטאר וואס האט א פריוואטן אפיס מיט געציילטע ארבעטער, האט דאס אויפנעמען פרישע קוואליפיצירטע ארבעטער זייער טיף אריינגעשניטן אינעם בודזשעט.

אויב דאס איז נישט גענוג געווען זענען אין די לעצטע יארן ארויסגעקומען פרישע רעגולאציעס פון די פעדעראלע רעגירונג וועלכע פארלאנגען פון דאקטוירים צו האלטן עלעקטראנישע רעקארדס פון אלע זייערע פאציענטן. די רעגולאציע האבן טאקע אסאך גוטע קאנסעקווענצן פאר די אלגעמיינע געזונטהייט אינדוסטריע, אבער פאר א פריוואטן דאקטאר האט עס באדייט א פרישע ריזיגע הוצאה.

אין קורצן. א דאקטאר'ס אפיס וואס האט אין די 90'ער יארן נישט געדארפט האבן מער ווי 2-3 ארבעטער, מוז היינט צו טאג האבן מינימום 5-6 ארבעטער, וואס מיינט א ריזיגער שפרונג אין די הוצאות, אין די זעלבע צייט וואס די צאלונגען פון די אינשורענס פירמעס זענען נאר קלענער געווארן.

די נייע ענדערונגען אינעם סיסטעם האבן געפירט דערצו אז די גרויסע שפיטעלער האבן אנגעהויבן אויסקויפן אדער איבערנעמען מערערע פריוואטע דאקטאר-אפיסעס. ווייל פאר פריוואטע דאקטוירים איז געווארן צו קאסטבאר אויסצוהאלטן אליין א גאנצן שטאב פון פינאנציעלע און קאמפיוטער עקספערטן.

נאך א לאנגע צייט וואס איך האב ביי מיר אין אפיס זיך געמוטשעט מיט די נייע רעגולאציעס, און נאכ'ן אנערקענען אז דער צוקונפט פון מעדיצין טוישט זיך כסדר און איך מוז זיך טוישן אינאיינעם דערמיט, האב איך געפאסט דעם באשלוס זיך אויך צו גיין אנשליסן אין א גרעסערן שפיטאל. איך האב באקומען ב"ה אסאך גוטע פארשלאגן, און כ'האב אנגענומען א פאזיציע מיט א גרויסע מעדיקעל גרופע אין פישקיל ניו יארק, א טאון נישט ווייט פון ניובורג.

ארום א דריי פערטל יאר צוריק האב איך געמאלדן פאר מיינע טויזנטער פאציענטן אז איך בין געצווינגען צו טרעפן א נייע היים, און איך האב שוין געמאכט די נויטיגע אראנזשירונגען אריינצוגיין ארבעטן אין יענעם מעדיקעל צענטער, ווען איך האב איין נאכט פלוצלונג באקומען אן אומערווארטעטן טעלעפאן רוף פונעם דירעקטאר פון "עזרת חולים העלט צענטער" מיט א פארשלאג צו קומען ארבעטן דא אין עזרת חולים.

פארשטייט זיך אז די הצעה האט מיך זייער געצויגן. קיין סאך בעסערס ווי דאס האב איך זיך נישט געקענט ווינטשן. א גרויסער סאפיסטיקירטער העלט צענטער וויניגער ווי א האלבע שעה אוועק פון מיין הויז, וואו איך וועל קענען האבן די געלעגנהייט צו באדינען פרישע טויזנטער היימישע אידישע פאציענטן, און וואס איז ספעציעל אויסגעשטעלט צו אקאמאדירן די געברויכן פון שמירת שבת און אנדערע הלכה'דיגע נקודות וואס זענען וויכטיג פאר יעדן שומר תורה ומצוות.

אבער איך האב דאך שוין געהאט אנגענומען א קאנטראקט מיט אן אנדערע מעדיקעל צענטער, און איך האב נישט געקענט אזוי שנעל עס אפזאגן. איך האב אנגעהויבן ארבעטן אין יענעם צענטער אין פישקיל, אבער גאנץ שנעל אנערקענט אז אלס שומר תורה ומצוות וועל איך זיך נישט געפינען דארט דאס פלאץ, נאכדערצו ווען ס'איז היפש ווייטער ווי קרית יואל. במשך די גאנצע צייט האב איך אנגעהאלטן די פארבינדונג מיט'ן עזרת חולים, און איך מוז זאגן אז די כסדר'דיגע פארבינדונג האט מיך שטארק געהאלפן באוועגן צו קומען אהער דא אין עזרת חולים.

נאך א קורצע צייט אין פישקיל האב איך איינגעמאלדן פאר יענעם צענטער אז איך קען מער דארט נישט ארבעטן. כ'האב מיך געדארפט אויסקריגן מיט זיי בנוגע דעם קאנטראקט, אבער נאך געציילטע מאנאטן האב איך אנגעהויבן ענדע זומער צו ארבעטן אינעם היגן עזרת חולים העלט צענטער, וואו איך האב זיך קובע געווען פאר די לעצטע זעקס חדשים.

**הקריה: וואס זענען אייערע איינדרוקן פונעם עזרת חולים העלט צענטער, און בכלל די קרית יואל'ער איינוואוינער?**

**דר. קאמינעצקי:** ב"ה, די געגנזייטיגע באציאונגען זענען אויסערגעווענליך.

די לעצטע זעקס מאנאטן זענען געווען א געוואלדיגער לעבנס-ערפארונג. דאס באקענען זיך מיט נייע

מענטשן, א ניי פלאץ, נייע ארבעטער, אא"וו, אבער געלויבט דעם אויבערשטן אז אויף דערוויילע איז אלעס געגאנגען אסאך בעסער ווי ערווארטעט. דער עזרת חולים איז גאר פראפעסיאנאל אהערגעשטעלט אויף א הויכן קוואליטעט, ווי אויך האב איך אנגעקניפט אויסגעצייכנטע באציאונגען מיט דעם סטעף און די אדמיניסטראציע פון עזרת חולים, אויך האב איך שוין זיך אנגעהויבן באקענען מיט א גרויסע צאל פאציענטן, כאטש וואס נאטורליך וועט דויערן מער ווי זעקס מאנאטן צו קענען אויפבויען די נאנטע צוטרוי און קאמוניקאציע צווישן מיר און די פאציענטן, וואס איז אזוי קריטיש פאר די געזונטהייט פון די פאציענטן.

איין מערקווירדיגע אבזערוואציע וואס איך האב יא באמערקט דא אין קרית יואל, וואס איז עטוואס אנדערש פון וואס איך בין געוועזן געוואוינט בעפאר, איז דער פאזיטיווער פאקט אז קרית יואל'ער איינוואוינער זענען מער גרייט צו קאאפערירן מיט'ן דאקטאר ווען עס פארלאנגט זיך צוריקצוקומען פאר א פאלאו-אפ וויזיט. איך ווייס נישט פונקטליך וואס די סיבה דערפאר איז, אבער עס איז א געוואלדיגער אויפטו אז פאציענטן זענען גרייט צו טון וואס עס פארלאנגט זיך פון זיי צו קענען בלייבן געזונט לאורך ימים ושנים בע"ה — וואס איז אין אלגעמיין א וויכטיגער כלל אין געזונטהייט, אז וואס פריער מ'כאפט און מ'נעמט קעיר פון א פראבלעם, אלס ווייניגער לאנג-טערמיניגן שאדן לאזט עס איבער אויפ'ן מענטש.

פון די אנדערע זייט זענען דא פארשידענע זאכן וואס עס פארלאנגט זיך אז דער ציבור זאל זיין מער אויפמערקזאם, און דאס איז גראדע אויך א וויכטיגער טייל פון די ארבעט וואס איך זע אז די עזרת חולים אדמיניסטראציע האלט ביים דורכפירן: הייבן דעם ניווא פון "געזונטהייט ערציאונג" אין קרית יואל. מענטשן זאלן וויסן וואס זיי דארפן טון זיך צו שיצן באצייטנס פון די אומצאליגע פראבלעמען וועלכע פלאגן די היינטיגע געזעלשאפט, און קענען אפט גרינג פארמיטן ווערן.

לאמיך געבן א גאר ווייטאגליכן משל. יעדן איינציגן יאר ווערן פילע היימישע אידן נפטר רח"ל פילע היימישע אידן פון די ביטערע מחלה. זייער אפט אבער איז דער פראבלעם אז מ'כאפט די קרענק נאר ווען עס איז שוין צו שטארק אויסגעשפרייט און מ'קען עס שוין נישט ראטעווען. דאס איז נישט נאר א פראבלעם אין די היימישע קרייזן, און אין די אלגעמיינע גאס מוטיגט מען היינט זייער שטארק אז מענטשן העכער 50 יאר אלט זאלן מאכן א "קאָלאָנאַסקאַפּי", א ספעציעלער טעסט וואס קען אנטדעקן געוויסע פארמען פון די ביטערע מחלה אויב זיי נעסטיגן חלילה אין קערפער.

איך זאג דיר אויף מיין פולן אחריות אז טויזנטער אידן זענען שוין נפטר געווארן רח"ל בלויז דערפאר וואס זיי האבן נישט געמאכט די דאזיגע "קאָלאָנאַסקאַפּי" טעסט באצייטנס! מיט דעם אלעם זענען נאך פאראן צופיל מענטשן וועלכע מיינען אז זיי נעמען דעם גרינגן וועג ארויס דורך נישט נעמען אזא טעסט, אינדערצייט וואס מ'שפילט זיך ארום מיט דעם אייגענעם געזונט, און מען פארנאכלעסיגט די געוואלדיגע מצוה פון "ונשמרתם מאוד לנפשותיכם", וואס מ'קען בע"ה מיט אזוינע טעסטס אפראטעווען אומצאליגע אידישע נפשות.

ס'איז טאקע נאר איין ביישפיל, אבער על הכלל כולו יצא.

אדער למשל האט מען געזען יעצט ביי דעם פלו איינשפריץ (פלו שאטס). די מעדיצינישע וועלטווארנט יאר איין יאר אויס אז יעדער זאל נעמען דעם פלו איינשפריץ בעפאר דער סעזאן קומט אן. אבער אין די היימישע קרייזן נעמט מען עס אן זייער לייכט. בלויז ווען מ'הערט איבער א ביטערן אומגליק דאן ווערט אויפאמאל א פאניק און יעדער קומט צו לויפן.

אבער אין אלגעמיין זענען מיינע ערשטע איינדרוקן געווען גאר פאזיטיוו. פאר מיר איז עס געווען א היפש דראמאטישער טויש, צו קומען פון מיין אייגענעם פריוואטן אפיס צו א גרויסן צענטער וואו עס ארבעטן א גאנצער שטאב פון דאקטוירים, פיזישענס אסיסטענטס, נוירסעס, אא"וו. דאס ארבעטן פול-טיים אין אזא גרויסן צענטער מיט א געניטע שטאב איז א גוטער ערפארונג, דערצו ווען מען קען ארויסהעלפן היימישע אידן אנצוגיין געזונטערהייט מיט'ן פולן סדר היום.

**הקריה: וואס זענען די ווייטערדיגע פלענער פאר'ן "עזרת חולים" בכלל, און פאר אייך בפרט?**

**דר. קאמינעצקי:** מיין הויפט פריאריטעט איז ווייטער אויפצובויען די גוטע באציאונגען מיט די טויזנטער פאציענטן אינעם עזרת חולים. די לעצטע זעקס חדשים זענען געווען ב"ה זייער א גוטער ערפארונג און איך האף ווייטער צו פארברייטערן מיינע פערזענליכע באציאונגען מיט מיינע פאציענטן, און זיי ארויסהעלפן מיט אלעם וואס מעגליך, כיד ה' הטובה עלי. דאס פאר זיך איז א פול-טיים ארבעט.

באזונדער וועל איך אויך האלטן אויפזיכט אויף דעם גאנצן "זשענעראל מעדיצין" אפטיילונג, איבערגיין רעגלמעסיג די טשארטס פון פאציענטן וועלכע ווערן געזען דורך די אנדערע דאקטוירים אינעם דעפארטמענט כדי צו פארזיכערן אז אלעס ווערט דורכגעפירט אין דער בעסטער ארדענונג ווי ס'פארלאנגט זיך פון א העלט צענטער וועמענ'ס קוואליטעט איז אויף אזא הויכן ניווא.

א שטארקער דגוש ווערט אויך געלייגט אנצוהאלטן א נאנטע באציאונג צווישן אלע דאקטוירים אין "זשענעראל מעדיצין". מיר פלאנען אויך איינצופירן ספעציעלע מיטינגען צווישן די שטאב מיטגלידער אויף א רעגלמעסיגן באזיס, וואו עס זאלן ארויפגעלייגט ווערן אויפ'ן טיש אלס שווערע און קאמפליצירטע קעיסעס, צו קענען טרעפן אינאיינעם דעם לעזונג צום פראבלעם. דאס איז עפעס וואס איז איינגעפירט אין אסאך גרויסע שפיטעלער און קען בע"ה ברענגען גלענצנדע רעזולטאטן. ותשועה ברוב יועץ.

א באזונדערער פלאן וואס מיר האבן שטארק חשק איינצופירן איז דאס אראפברענגען אויסגערופענע "ספעשילטי" דאקטוירים צו רעדן פאר דעם גאנצן שטאב אין "זשענעראל מעדיצין". איך האלט אז וואס בעסער דער שטאב וועט זיין באהאוונט מיט די אינפארמאציע אין באצוג צו די מערערע ספעציפישע מעדיצינישע פראבלעמען, אלס בעסערע געזונטהייט קעיר וועלן זיי קענען צושטעלן פאר די קרית יואל'ער איינוואוינער.

אויסער דעם זענען פאראן אין אלגעמיין גאר אסאך פלענער וואס מ'קען דורכפירן צו הייבן די ניווא פון דעם "זשענעראל מעדיצין" אפטיילונג, און די אדמיניסטראציע פונעם עזרת חולים ארבעט שוין לאנג אויף פארשידענע פלענער וויאזוי צו אויסברייטערן די סערוויסעס, און בע"ה האף איך זיי צו קענען שטיין צו דער רעכטער האנט על כל פנים. די אויפגאבע איז זייער א ברייטע.

איך בין מתפלל צו השי"ת צו קענען אויספירן די הייליגע אויפגאבע און העלפן אידישע קינדער אנהאלטן די וויכטיגע מצוה פון "ונשמרתם מאוד לנפשותיכם", און קענען צולייגן אלעס וואס מעגליך צו העלפן אזא גרויסע שטאט ווי קרית יואל אנהאלטן דעם העכסטן געזונט ניווא וואס מעגליך.

הקריה: מיר פון אונזער זייט קענען נאר צולייגן אונזערע ווינטשן אז איר זאלט ווירקליך מצליח זיין אין אלע אייערע וועגן, און זיין דער ריכטיגער שליח פאר די טויזנטער תושבי קרית יואל צו קענען טאקע הייבן די געזונטהייט ניווא אין שטאט גאר הויך, עד ביאת המשיח, בב"א.






# מצילי אש אפטיילונג

# תושבי קרית יואל אין שאָק נאָך העלישן פייער וואָס האט פארניכטעט 6 דירות אויף פרימישלאן

קרית יואל האָט פאַרגאַנגענעם מיטוואָך פרשת בשלח מיטגעלעבט אַ שווערן איבערלעבעניש, נאָכדעם וואָס אַ גאַנצע דירות-געביידע פון זעקס משפחות איז ל"ע גענצליך פאַרניכטעט געוואָרן אין אַ העלישן פייער, טראָץ די אימערמידליכע באַמיאונגען פון "מצילי אש" און פילע גויאישע פייער דעפּאַרטמענטס פון די אַרומיגע געגענט, אָפּצוראַטעווען די געביידע.

די געשיכטע האָט זיך אָנגעהויבן דינסטאָג בשלח 2:30 נאָכמיטאָג, ווען עס איז אַריינגעקומען אַן עמוירדזשענסי רוף צו "מצילי אש", אַז מען זעט רויך אַרויסקומען פונעם ערשטן שטאָק אויף די לינקע זייט פון די געביידע אויף זעקס פרעמישלאַן וועי אין די עצי התמרים געגענט.

דער דיספּעטשער פון "מצילי אש" האָט גלייך אַרויסגעשיקט דעם רוף צו אירע וואָלונטירן וועלכע זענען ביז אונטער אַ מינוט געווען אויף די סצענע. אויך האָט מען גלייכצייטיג אַלאַרמירט פאַר "מיוטשעל-עיד" הילף פון די גויאישע פייער אַגענטורן פון די אַרומיגע געגענטן.

ווי נאָר די מצילי אש וואָלונטירן זענען אָנגעקומען צו די סצענע האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז דאָס איז נישט קיין קליינער פייער, נאָר אַן ערנסטער שריפה וואָס ברענט אין די ווענט פון די געביידע, זיך פאַרשפּרייטנדיג אַלס מער און מער זייער שנעל. שווערע רויך האָט אַרויסגעשטראָמט פון די געביידע, אָבער די וואָלונטירן האָבן נישט געהאַט קיין אָנדייטונג פּונקטליך וואו דער פייער געפונט זיך און ווי ווייט עס האָט שוין אָנגעיאָגט צו לויפן.

אין די ערשטע מינוטן האָבן די וואָלונטירן יאָ געגלויבט אַז מען האָט זיך באַהערשט אויפ'ן פייער, וואָרום דער פייער ביים ביה"כ פען, פון וואו דאָס האָט זיך למעשה אָנגעהויבן, איז גלייך פאַרלאָשן געוואָרן. אָבער עס האָט זיך ליידער באַלדיג אַרויסגעשטעלט אַז דער פייער איז שוין איינגעוואָרצלט און פאַרשפּרייט אין די ווענט פון די דירות.

צענדליגער פייערלעשער - די מצילי אש וואָלונטירן מיט די מיטהילף פון די אַרומיגע נישט-אידישע פייערלעשער - האָבן פאַרברענגט דעם קומענדיגן איינס-אַהאַלב שעה אין די זעקס דירות, אַרבעטנדיג אימערמידליך נאָכצולויפן דעם פייער וואָס איז כסדר געלאָפן פאָראויס אין די ווענט פון די דירות.

עס איז געווען אַן ערשעפּבאַרע אַרבעט ווען מען האָט נישט געזען קיין ענדע. דער פייער איז געלאָפן אַלס מער פאָראויס. ווי נאָר מען האָט אַנטדעקט אַ פייערל דורך די ווענט און מ'האָט אויפגעריסן דעם וואַנט און פאַרלאָשן, האָט מען דאָס גלייך נאָכדעם געטראָפן אַרויפצוהר. פון איבעראָל האָט געשטראָמט שווערע רויך מיט אַ קראַפט און אויך איז אַרויסגעקומען פלאַמען סיי פון די פלאָגס, סיי פון די באָלב-סאַקעטס אויפ'ן דאַך און פון יעדן שפּאַלט אין וואַנט.

ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעשטעלט האָט אַ ביה"כ פען אָנגעצונדן אַ שריפה אינעם אינערליכן הוילקייט פון די דירה, צווישן די ווענט און די דעכער-פאָדלאָגעס סטרוקטורן און דער פייער איז געווען אוממעגליך צו קאָנטראָלירן. דער פייער איז שוין געווען צו שטאַרק איינגעגעסן ווען די וואָלונטירן זענען אָנגעקומען צו די סצענע.

דער פייער האָט זיך אָנגעהויבן ביי די געביידע אויף 6 פרעמישלאַן, און עס איז געשפּרונגען פלינק פון איין שטאָק צום צווייטן. אין אַלע שטאָקן פון די דירה זענען געשטאַנען גרופּעס וואָלונטירן מיט כלי משחית און געהאַקט און געזעצט מיט אַלע כוחות און פּרובירט איבערצוקומען דעם פייער. אויך איז אַראָפּגעשטעלט געוואָרן לייטערס ביי די פענסטערס פון די דירות אַז די פייערלעשער אינעווייניג זאָלן קענען תיכף אַנטלויפן אין פאַל פון נויט. אויך האָבן די פייער קאָמאַנדירן כסדר קאָנפערירט מיט די וואָלונטירן אינעווייניג, באַקומענדיג באַריכטן איבער'ן גאַלאָפּ פונעם פייער און סטראַדזשירנדיג עצות וויאַזוי עס צו באַקעמפּפן.

עס איז אָבער געקומען צו אַ צושטאַנד וואָס די פייערלעשער מיט זייער עקספּערטיז האָבן געזען אַז די הויז האַלט גענצליך ביים אויפרייסן אין פלאַמען און עס קען קומען צו אַ לעבענס געפאַר. דאַן איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דער סיגנאַל, ווען אַלע פייער טראָקס האָבן אינאיינעם זיך גענומען פייפן, וואָס דאָס איז געווען דער סיגנאַל פאַר די וואָלונטירן אין די דירות אַז מען דאַרף אַרויסלויפן.

אויפ'ן גאַס איז שוין געווען אָנגעזאַמעלט אַ ריזיגע מענגע מיט מענטשן וועלכע זענען פאַרצווייפלטערהייט געשטאַנען און זיך צוגעקוקט ווי אידישע פאַרמעגן גייט חרוב.

קוים צען מינוט נאָכ'ן עמוירדזשענסי עוואַקואַציע האָט די געביידע טאַקע אויפגעריסן אין פלאַמען. פונעם בוידעם האָבן זיך געהויבן צינגען פלאַמען וועלכע זענען געשפּרונגען עטליכע פוס הויך אין די לופטן. מען האָט זיך דאַן גענומען באַשפּריצן דעם פייער פון אינדרויסן מיט אַלע כוחות צו פּרובירן כאָטש צו מינימיזירן די שאָדנס וואָס מער.

## ויהי אחרי השריפה

ווען די צינגען פייער-פלאַמען האָבן זיך נאָך געהויבן מיט איר פולסטע כוח, האָבן זיך געטרייע עסקנים, תושבי השכונה, אַריינגעוואָרפן אין אַרבעט אַרויסצוהעלפן די באַטראָפענע פאַמיליעס. ספּעציעל איז דער נויט גרעסער געוואָרן אַ טאָג דערנאָך

(פארזעצונג אויף זייט 23)

## באַלערנדע פּונקטן איבער וויכטיגקייט פון חפצים פייער אינשורענס

### "האָום-אָונערס אינשורענס" דעקט נישט חפצים אין פאַל פון אַ פייער

אין ליכט פונעם טרויעריגן פאַל מיט די שריפה וואָס האָט עטליכע וואָכן צוריק פּאַסירט אויף די פרעמישלאַן גאַס, וואָס האָט פאַרניכטעט זעקס אַפּאַרטמענטס און האָט איבערגעלאָזט 55 אידישע נפשות בעירום ובחוסר כול בלויז מיט די קליידער אויף זיך, איז וויכטיג צו ערוועגען די טעמע פון חפצים פייער אינשורענס.

אַז מען האָט חפצים פייער אינשורענס איז מען געדעקט צוריקצובאַקומען די ווערד פון די חפצים וואָס מען האָט פאַרלוירן אין אַ פייער. היסטאָריע האָט געוויזן אַז פאַמיליעס וואָס האָבן געהאַט חפצים פייער אינשורענס האָבן זיך געקענט פיל שנעלער און גרינגער שטעלן אויף די פוס נאָכ'ן פאַרלירן דאָס גאַנצע האָב און גוטס אין אַ שריפה, קעגן די וועלכע האָבן דאָס נישט געהאַט.

יעדע ראש המשפחה מוז זיכער מאַכן אַז זיינע פאַרהייראַטע קינדער פאַרמאָגן חפצים פייער אינשורענס און יעדער לענדלאָרד דאַרף אויפמערקזאַם מאַכן זיינע טענעטנס וועגן חפצים פייער אינשורענס.

עס איז וויכטיג אונטערצושטרייכן אַז די אינשורענס אויף די הויז, די סטרוקטור פון די דירה, גערופן "האָום-אָונערס אינשורענס", איז נישט קיין חפצים פייער אינשורענס.

יעדע הויז האָט געוועינליך אַ האָום-אָונערס אינשורענס פּאַליסי צו דעקן די סטרוקטור פון די הויז אין פאַל פון אַ שריפה. אַז מען איז אַ הויז אייגענטומער דאַרף מען דאָס אַליינס קויפן; אַז מען איז אַ רענטער האָט געוועינליך דער לענדלאָרד אַזאַ פּאַליסי. אויב מען צאָלט אַ מאָרטגעדזש פאַרלאַנגט די באַנק אַזאַ פּאַליסי. אַז מען איז אַ טייל פון אַ קאָנדאָמיניום איז די קאָנדאָמיניום באָורד

(פארזעצונג אויף זייט 23)

## פייער-נאָטיצן פונעם ווילידזש בילדינג קאָוד דעפּאַרטמענט

### אַלאַרם און מאַניטאָרינג סערוויס אויף ספּרינקלער וואַסער קראַן גאָר וויכטיג

דער ווילידזש בילדינג דעפּאַרטמענט אָפיס האָט געבעטן אויפצוברענגען דעם פאָלגענדן פונקט. ביי רוב אַלטע דעוועלאָפּמענטס אין שטאָט, וואו עס איז דאָ ספּרינקלערס, איז נישטאָ קיין אַלאַרם אויפ'ן ספּרינקלער קראַן. ד.מ. אַז יעדער מאַן דהוא קען פאַרלעשן דעם ספּרינקלער סיסטעם און קיינער זאָל דערפון נישט וויסן.

צומאָל מאַכט זיך אַז מען פאַרבט אין אַ דירה און די פעינטערס לעשן דאָס אויס ווייל זיי פאָרכטן זיך אַז זיי וועלן בטעות אַריינקלאַפּן אינעם ספּרינקלער-העד ביים פעינטן און דאָס אַקטיוויזירן.

ביי די נייע דעוועלאָפּמענטס, איז דער קראַן פונעם ספּרינקלער סיסטעם צוגעטשעפּעט עלעקטראָניש צום צענטראַלן אַלאַרם סיסטעם און ווען עמיצער לעשט דאָס אויס דאַרף דאָס שיקן אויטאָמאַטיש אַן אַלאַרם צום "אַלאַרם מאַניטאָרינג פירמע", וועלכע דאַרף אָנרופן די פאַראַנטוואָרטליכע באַאַמטע פונעם קאָנדאָמיניום מענעדזשמענט און פרעגן מה זה ועל מה זה.

אָבער צו האָבן די סערוויס פון די אַלאַרם קאָמפּאַני דאַרף מען דאָס קויפן און באַצאָלן אַ מאָנאַטליכן צאָלונג דערפאַר, און דאָס איז אַ וויכטיגער פּונקט פאַר יעדן וואָס וואוינט אין אַ קאָנדאָמיניום צו וויסן, נעמליך אַז אויב מען צאָלט נישט פאַר די אַלאַרם קאָמפּאַני עקסטער פאַר די סערוויס, ווערט די מאַניטאָרינג סערוויס אָפּגעהאַקט, און עס קען זיך מאַכן אַז עמיצער זאָל אָפּשפּאַרן דעם קראַן פונעם פייער ספּרינקלער סיסטעם, מחמת איזה סיבה שהוא, און קיינער זאָל דערפון נישט וויסן.

דעריבער, דאַרף יעדער אין אַ קאָנדאָמיניום שטיין על המשמר אויף די דריי פאָלגענדע זאַכן:

- מען זאָל אינסטאָלירן אַן אַלאַרם סיסטעם אַז קיינער זאָל נישט

(פארזעצונג אויף זייט 23)

# אַ דעטאַלירטער שמועס
## מיט די אָנפירער פון "מצילי אש"

**די רעדאַקציע פון הקריה האָט אָפּגעהאַלטן אַן אויספירליכן אינטערוויו מיט הרה"ח ר' יושע בלומענטאַל הי"ו, אָנפירער פון "מצילי אש" אַגענטור, כדי צו הערן מער דעטאַלן איבער די געשיכטע**

רעדאַקציע: אַ גוטן טאָג ר' יושע, גלויבט זיך אַז דער געמוט אין די מצילי אש אַגענטור איז צוקלאַפּט נאָכ'ן מיטמאַכן אַזאַ געשיכטע.

ר' יושע: ריכטיג, דאָך דאַרף מען באַטראַכטן די זאַך מיט'ן קלאָרן בליק, מען דאַרף דאַנקען דעם רבונו של עולם אַז עס האָט נישט געקאָסט קיין נפשות. אוודאי איז אַ געוואַלדיגע ווייטאָג אַז אידן האָבן געליטן אַזעלכע אָסטראָנאָמישע שאָדנס און צער ועגמת נפש, און זענען רח"ל אַרויסגעגאַנגען בעירום ובחוסר כול.

דאָהי, אינערליך אין די אַגענטור, האָט מען נאָך די געשיכטע געהאַט אַ שטיקל איבערשמועס, מען האָט דורכגעשמועסט וואָס מען האָט געטאָן. עס שטעלט זיך אַרויס אַז מען האָט נאָכגעפאָלגט אַלע פּראָצעדורן און געטאָן דאָס בעסטע אָפּצוראַטעווען די דירות, אָבער עס איז איינפאַך נישט געווען מעגליך. די גויאישע פייערלעשער האָבן גלייך ביים אָנקומען ביים סצענע, זעענדיג די רויך אַרויסשטראָמען מיט אַ קראַפט פון די ווענט פון די דירה, געזאָגט אַז עס איז אַ פאַרפאַלענע זאַך, מיט-דעם-אַלעם האָט מען געאַרבעט מיט אַלע כוחות טראָץ די פראָסטיגע קעלטן.

איך האָב פערזענליך געשמועסט מיט די עטליכע וואָלונטירן וועלכע זענען געווען צובראָכן לשברי שברים, און האָבן עס געפילט ווי אַ "פּערזענליכע דורכפאַל". איך האָב זיי ערקלערט אַז דאָס איז נישט ריכטיג. עס איז באמת נישט געווען וואָס צוטאָן מער. מיר האָבן געטאָן דאָס מאַקסימום צו ראַטעווען די געביידע.

*

רעדאַקציע: איר האָט אויפגעברענגט דעם ענין פון קעלט. האָט דאָס בייגעשטייערט צו די שריפה; האָט דאָס געשטערט דאָס לעשן?

ר' יושע: קעלט איז אַ געוואַלדיגער פאַקטאָר. עס האָט נישט בייגעשטייערט צו די איצטיגע שריפה, אָבער אין ווינטער איז דאָ סאַך מער הויז-פייערן ווי אין זומער. דאָס איז אַ זאַך וואָס יעדער וואָס פאָלגט נאָך די פרעסע באַריכטן רעגולער, קען באַמערקן. דער אורזאַך דערפון איז ווייל אום ווינטער באַנוצט מען זיך מיט מער הייצונג; די דירות זענען פאַרמאַכט און עס איז דאָ אַ גרעסערע געלעגנהייטן פאַר פייערן.

בנוגע דאָס לעשן די פייער, איז דאָס פיל מער פאַרשווערער געוואָרן פון די ביטערע פראָסטן. עס האָט גאָר שווער געמאַכט די אַרבעט פאַר די פייערלעשער און די וואָלונטירן, וועלכע זענען ממש געפרוירן געוואָרן פון די ביטערע קעלטן. מען האָט געאַרבעט אַזוי ביז אין די נאַכט אַריין אין די פראָסטיגע קעלטן.

אויך, ווען עס איז ביטער קאַלט, ווירקט נישט די וואַסער אַזוי גוט צו לעשן דעם פייער. עפּעס אַרבעט נישט. עס איז פּאַראַדאָקסאַל, אַז זומער ווען עס איז הייס איז גרינגער צו לעשן אַ פייער מיט קאַלט וואַסער, ווי ווינטער אין די פראָסטיגע קעלט מיט אייז-קאַלטע וואַסער.

*

רעדאַקציע: ווען זענט איר אָנגעקומען צום רוף?

ר' יושע: איך האָב באַקומען דעם רוף 2:30 נאָכמיטאָג. איך האָב גלייך זיכער געמאַכט אַז עס איז דאָ מער ווי גענוג וואָלונטירן צו לויפן צום פייער, און אויך אַז צוויי טשיפס קומען גלייך אָן צום אָרט און אַז מען נעמט קאָנטראָל פון די סיטואַציע און מען אַלאַרמירט אויך די גויאישע פייער דעפּאַרטמענט.

היות, איך פערזענליך האָב דאַן געהאַלטן אינמיטן אַהיימפירן די עלטערע פרויען פונעם "טעם זקנים" פּראָגראַם, (באַקאַנט אַמאָל אַלס "ווילידזש סיניאָר דיינינג פּראָגראַם"), האָב איך אין די איילעניש צוגעענדיגט דעם רוט און אַ 15 מינוט נאָכ'ן רוף בין איך אָנגעקומען צו די סצענע.

*

רעדאַקציע: וואָס איז געווען אייער ערשטע אָפּשאַצונג?

ר' יושע: עס איז באַלדיג לײדער קלאָר געווען אַז דאָסמאָל וועט מען נישט האָבן אַזוי קיין מזל. מען האָט געהאַט אַ פילינג אַז מען האָט פאַרשפּעטיגט די באַן און אַז דער פייער האָט זיך שוין לײדער איינגעוואָרצעלט אין די געביידע. עס איז קלאָר געווען אַז סיידן אַז מען קען מיט'ן דרוק פון אַ קנעפּל אָפּשיילן די שיטראַק פון די ווענט, אָדער אַז מען האָט עקסרעי-אויגן און מען קען דורכקוקן די ווענט און זען פונקטליך ווי דער פייער איז, איז דאָס אַ פאַרצווייפלטע זאַך.

*

רעדאַקציע: פאַרוואָס האָט זיך דער פייער אַזוי שנעל צושפּרייט?

ר' יושע: אַ דירה איז פון אינעווייניג הויל. עס איז אַ באַלון קאָנסטראָקשאָן. די ווענט זענען הויל און באַדעקט מיט שיטראַק פון איין זייט און פלייוואָוד פון די אַנדערע זייט.

צווישן איין שטאָק און דעם צווייטן איז דאָ "טראָסעס" - אויסגעהוילטע סטרוקטורן און דער פייער האָט אַ פרייען וועג צו לויפן. אין די ווענט איז אויך נישטאָ קיין בלאָקירונגען. זיי באַשטייען פון שטייענדיגע קלעצער מיט אַסאַך לופט צווישן זיי. די פייבערגלעז איז נישט קיין ווידערשטאַנד צו פייער.

ביים בויען אַ וואַנט-פרעים דאַרף מען אַריינשטעלן "פייער-בלאָקן" ד.מ. אַזעלכע האָלץ-קלעצער אינמיטן פון די הויכקייטן פון די ווענט, כדי צו פאַרמיידן אַז אַ פייער זאָל נישט קענען אַזוי שנעל לויפן דורכאויס די ווענט פון אויבן ביז אַראָפּ אָן אַ שטער. צווישן דיביידע פליגלען פון יעדע געביידע איז נאָר דאָ צוויי שיכטן פון פייער ווידערשטאַנדיגע שיטראַק אַלס אַ "פייער-וואָל".

יעדע טייל פון אַ דירה דאַרף געזעצליך אַנטהאַלטן אַ פייער-ווידערשטאַנדיגקייט פאַקטאָר, אָבער פייער ווידערשטאַנדיג מיינט נישט אַז עס ברענט נישט, עס מיינט נאָר אַז עס האַלט אָפּ דעם פייער אַ שטיק צייט. עס קען אויסהאַלטן די היץ און פלאַמען אַ שטיק צייט ביז עס גיט זיך אונטער און עס רייסט אויף אין פלאַמען. קיין שום טייל פון די האָלצערנע דירות דאָ אין קרית יואל זענען נישט הונדערט פראָצענט באַשיצט פון פלאַמען. נישטאָ אַזאַ זאַך. די גאנצע זאך פון די פייער-וואל וואס ווערט פארלאנגט פון די סטעיט בילדינג קאוד איז נאר געצילט צו געוואונען צייט און ערמעגליכן ארויסצולויפן פון הויז אין יעדן פאל, נישט אויף צו ראטעווען נכסים.

אויך, ביי אַ פייער וואָס קריכט צווישן די ווענט איז דאָ דער פּראָבלעם פון רויך. רויך איז אַ גאַז און איז זעלבסט אַ גאָר פלאַמענדיגע זאַך. ווי נאָר עס איז דאָ צופיל רויך אויף איין אָרט, רייסט דאָס ספּאָנטאַניש אויף אין פלאַמען.

אין אַנדערע ווערטער: ווי נאָר אַ פייער כאַפּט זיך אַריין אין די ווענט פון אַ דירה, איז שוין צרות ווי אַ באַרג. דערפאַר דאַרף מען וואָס פריער רופן מצילי אש ווען מען שמעקט רויך אָדער אַ פייער גערוך, ווען יעדע סעקונדע ציילט.

*

רעדאַקציע: פאַרוואָס האָט גלייך פון אָנהויב אויפגעשניטן דעם דאַך און אַריינגעשפּריצט.

ר' יושע: מען קען נישט שפּריצן וואַסער פונדרויסן און אוודאי נישט פונעם דאַך אַריין ווען וואָלונטירן זענען נאָך אין די געביידע. עס איז אַ סכנה; עס שאַפט אַ דיקן רויך און נעפל און קען חלילה איינוואַרפן דעם דאַך אויף זיי. אויך איז אומגעזעצליך צו שפּריצן פונעם דאַך אַריין בשעת פייערלעשער אַרבעטן נאָך אין די דירה.

פייערלעשער שפּריצן נישט פונדרויסן; מען אַרבעט פון אינעווייניג. מען זוכט אויף דעם פייער און מען קלאַפּט דאָס אַראָפּ. דאָס איז דער וועג וויאַזוי מען לעשט אַ שריפה. שפּריצן פונדרויסן איז ווען די זאַך איז שוין פאַרפאַלן.

*

רעדאַקציע: וואָס איז פאָרגעגאַנגען דעם אַנדערן טאָג?

ר' יושע: דעם אַנדערן טאָג האָט מען זיך דערזען מיט אַ פרישן פּראָבלעם: דער פייער סצענע איז אַ געפאַר; עס איז געווען אָפן פאַר יעדן און פילע נייגעריגע האָבן טאַקע שפּאַצירט אין די פאַרברענטע הייזער.

די מצילי אש האָט מסדר געווען אַז מען זאָל אַראָפּברענגען בעריקעידס און אַרומצוימען דאָס אָרט אַז עס זאָל נישט זיין קיין שטח הפקר און מען האָט פּרובירט צו העלפן די באַטראָפענע פאַמיליעס אָפּצוראַטעווען וואָס נאָר מעגליך פון די דירות.

(פאַרזעצונג אויף זייט 25)

# תושבי קרית יואל אין שאָק נאך העלישן פייער וואָס האט איבערגעלאזט 6 פאַמיליעס הײמלאָז

(פאַרזעצונג פון זייט 22)

ווען מען האָט געמוזט איינוואַרפן די גאַנצע געביידע, ווייל דער פייער האָט געהאַלטן אין איין צוריק אויפפלאַמען, וואָס האָט געמיינט אַז מען האָט כמעט גאָרנישט געקענט אַרויסראַטעווען פון די אָפּגעברענטע געביידעס.

די געטרייע עסקנים האָבן זיך איינגעשפּאַנט אין די אַרבעט. צווישן זיי איז אויך געווען דער באַגאַבטער איש החסד הר"ר יושע קאָרנבלי הי"ו, ואתו עמו די פילע געטרייע עסקנים און די געטרייע תושבים, וועלכע האָבן זיך גענומען גלייך צו די שווערע אַרבעט אַרויסצוהעלפן די פאַמיליעס.

דער ערשטער שריט וואָס מ'האָט גענומען אונטער די הענט איז געווען צו פאַרשאַפן פאַר די פאַמיליעס וואו זיך אויפצוהאַלטן צייטווייליג, ווען זיי זענען דאָך פון איין מינוט אויפ'ן צווייטן אַרויסגעשטעלט געוואָרן אויף די פראָסטיגע גאַס. נאָכדעם וואָס מען האָט געשאַפן צייטווייליגע אויפהאַלט-ערטער פאַר די זעקס באַטראָפענע פאַמיליעס, איז אויפגעקומען די פראַגע פון פערמאַנענטע דירות.

דאָס טרעפן דירות פון איין מינוט אויפ'ן צווייטן פאַר זעקס פאַמיליעס איז נישט געווען אַ גרינגע אַרבעט. די עסקנים זענען געזעצן שעות ארוכות און געמאַכט צענדליגער טעלעפאָן-רופן נאָכפאָרשנדיג יעדן מעגליכקייט. ספּעציעל האָבן די עסקנים פון די באַרימטע "חברים" אָרגאַניזאַציע געאַרבעט איבערמידליך, און נישט געשוינט קיין מיה און שווייס, ביז מען האָט פאַרשאַפט דירות פאַר די זעקס פאַמיליעס.

מען דאַרף ספּעציעל אַרויסהייבן העסקן החשוב ר' דוד זכרי' ראָטה הי"ו און זיין חשוב'ע אידענע - איינע פון די 12 נשים צדקניות וואָס דינען אַלס אימערמידליכע געטרייע דיספּעטשערס פאַר "חברים" - וועלכע האָבן זיך פערזענליך אָפּגעגעבן מיט מאַכן די צענדליגער טעלעפאָן-רופן צו פאַרשאַפן דירות פאַר די פאַמיליעס.

דער נאָכפאָלגענדער שריט איז געווען צו פאַרשאַפן פאַר די אַריבער 55 נפשות פון די זעקס פאַמיליעס די נויטיגסטע געברויכן. דאָס איז געווען אַ באַזונדערע הצלת נפשות אַרבעט וואָס איז אָנגעגאַנגען פאַר גאַנצעטע טעג.

דורכאויס דעם קומענדיגן טאָג האָבן גוטהאַרציגע מענטשן געהאַלטן אין איין אַריינרופן די עסקנים, אָנבאָטנדיג געלט-שטיצע אָדער סופּלייען פאַר די באַטראָפענע. צענדליגער געשעפט אייגענטומער האָבן זיך מיט זייער גוט האַרץ גאָר שטאַרק צוגעשטעלט צו העלפן די באטראפענע.

די געשעפטס-לייט האָבן נאָך דינסטאָג נאָכמיטאָג און ביינאַכט געעפנט זייערע געשעפטן און אויסגעשטאַט די משפחות פון אָנהויב ביז'ן סוף. טייל האָבן געגעבן אויף באָרג; טייל האָבן געגעבן גרויסע דיסקאַונטס, און אַנדערע האָבן גענצליך מנדב געווען גרויסע קוואַנטומס פון סחורה צו העלפן די פייער-באַטראָפענע.

### די געלט אַקציע

דער אַנדערער טייל פונעם עסקנות איז געווען די מאַסיווע געלט אַקציע וואָס מען האָט דורכגעפירט, וואָס איז צוגעגאַנגען ווי פאָלגענד.

דינסטאָג נאָכמיטאָג איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַן עמוירדזשענסי עסקנים זיצונג אין שטוב פון הגה"צ רבי העניך אשכנזי שליט"א רב דביהמ"ד אבני צדק בשכונת עצי התמרים, מיט'ן באַטייליגונג פון נאָך געטרייע עסקנים פון די שכונה וועלכע זענען איינגעשפּאַנט געוואָרן צו דער אַרבעט, נעמליך: הר"ר שמואל מאיר הירש הי"ו, הר"ר יואל ב"ר אלימלך שוואַרץ הי"ו, הר"ר יוסף לייב ווערצבערגער הי"ו, הר"ר ישראל פּאָרגעס הי"ו, הר"ר שבתי מרדכי ווערצבערגער הי"ו, הר"ר משה נתן ראָזענבערג הי"ו, הר"ר אליעזר דוד איצקאָוויטש הי"ו, הר"ר יושע קאָרנבלי הי"ו דערונטער פילע "חברים" וואָלונטירן, און האחרון חביב העסקן הנמרץ הר"ר משה הערש ראָזענפעלד הי"ו.

מען האָט גלייך אָרגאַניזירט אַ מאַסיווע געלט אויפטרייבונג קאַמפּיין. עס זענען געדרוקט געוואָרן גרויסע פלאַקאַטן און איינגעשטעלט אַ ספּעציעלן האַטליין וואו אידישע קינדער, רחמנים בני רחמנים, האָבן געקענט אַריינרופן מיט נדבות. דער אָפּרוף איז טאַקע באַלדיג געוואָרן גאָר שטאַרק.

דעם קומענדיגן צופרי זענען די

(פאַרזעצונג אויף זייט 25)



# חברה מצילי אש – קרית יואל

## Kiryas Joel Fire Department

P.O. Box 566, Monroe, NY 10949

Office: (845) 781-5616 • For Emergency: (845)783-1212


בס"ד

**שלושים יום קודם החג**

# ווייכטיגע אנווייזונגען

## אויף די קומענדיגע ערב פסח טעג

### דערמיט ווילן מיר אויפמערזאם מאכן עטליכע ווייכטיגע פונקטן וואס איז ווייכטיג צו געדענקען אין די ערב פסח וואכן,

1) בעפאר יו"ט ווען מ'קאכט און מ'באקט מער ווי געוועהנליך, זאל מען שטענדיג אפן לאזן א פענסטער בשעת'ן קאכן, כדי ס'זאל נישט געשאפן ווערן די שעדליכע קארבאן מאנאקסייד. בכלל זאל מען אכטונג געבן ווען מ'קאכט אויף יו"ט, ובפרט אויף פסח, מיט די פייערס.

2) ווען מ'דעקט צו דעם חמצ'דיגן געז רענטש מיט זילבער פאפיר, האליץ אדער פלעסטיק אויף איבער פסח, זאל מען זיכער מאכן אז די פיילאט איז אויסגעלאשן, און מ'זאל צומאכן די געז וועלוו און אויספלאגן די עלעקטריק, ביז נאך יו"ט, ווייל אז נישט קען עס ברענגען קארבאן מאנאקסייד ח"ו און א פייער סכנה.

3) אויב מ'דעקט צו די קאונטערס מיט פלעסטיק, אדער מ'לייגט אריין א פלעסטיק סינק, זאל מען אכטונג געבן נישט אריינצולייגן קיין לעכט אדער הייסע טעפ, ווייל דאס האט שוין פארשאפט גרויס עגמת נפש אין די פארגאנגענהייט.

4) ווען מ'רייניגט דעם אויוון אויף פסח מיט שארפע קעמיקעלס, זאל מען זיכער מאכן אויסצושאלטערן דעם אויוון, און אויך אויסלעשן דעם "געז וועלוו", און עס לאזן אזוי ביז איבער יו"ט, צו פארמיידן ערנסטע אינצידענטן ח"ו וואס שוין ליידער פאסירט אין די פארגאנגענהייט.

5) בעפאר מ'רייניגט א סעלף–קלינינג אויוון, זאל מען זיכער מאכן דאס אויסצורייניגן פון אלע פעטנס. אויך זאל מען דורכליינען די אנווייזונגען וואס קומט מיט'ן אויוון און דאס אויספירן פונקטליך.

6) בעפאר מען נוצט דעם אויוון אדער ברוילער, זאל מען אכטונג געבן אז ס'זאל זיין ליידיג, און ס'זאל זיך גארנישט געפונען וואס קינדער האבן אריינגעלייגט, צ.ב.ש. שפילצייג אדער בעגס וכדומה.

7) נאך יו"ט, ווען מ'פארמאכט די פסח'דיגע קאך, זאל מען נישט פארגעסן צוצומאכן די געז וועלוו און די וואסער.

8) ווען מ'טוישט די געז רענטש פאר און נאך פסח, איז ראטזאם צו נוצן בלויז אן עקספיריענסד פלאמבער, און דאס נישט טאן אליין, כדי צו פארמיידן געז ליעקס.

---

### ווי אויך איבער'ן יאר זאל מען זיך האלטן צו די פאלגענדע באווארענונגען:

1) עס איז קריטיש ווייכטיג צו האבן א פונקציאנירנדער "**סמאוק אלארם**" אין יעדע איינציגע צימער. ווי אויך, ווען מ'בויעט איבער א דירה, זאל מען נישט בלאקן דעם אלארם.

2) יעצט איז די ריכטיגע צייט פון יאר צו פארזיכערן אז די "סמאוק אלארם" האט א גוטע באטעריע און אז דער מאשין ארבייט. אויך איז ווייכטיג צו האבן א Carbon Monoxide Detector (ס'קאסט בלויז עטליכע דאלאר, און ס'קען ראטעווען לעבנס).

3) ווען מ'לייגט ארויף א בלעך אויפ'ן געז רענטש, זאל מען מאכן זיכער אז ביי די צוויי זייטן איז אפן און ס'קען אריינקומען לופט, ווייל אז נישט קען עס ברענגען קארבאן מאנאקסייד.

4) מ'זאל שטענדיג אכטונג געבן אז די קינדער זאלן זיך נישט שפילן מיט די שוועבעלעך. מ'זאל דאס אוועקלייגן אויף א הויכן פלאץ אז די קינדער זאלן נישט קענען צוקומען דערצו.

---

מיט דאנק פאראויס, **חברה מצילי אש**

# אַ דעטאַלירטער שמועס

## מיט די אָנפירער פון "מצילי אש"

**די רעדאַקציע פון הקריה האָט אָפּגעהאַלטן אַן אויספירליכן אינטערוויו מיט הרה"ח ר' יושע בלומענטאַל הי"ו, אָנפירער פון "מצילי אש" אַגענטור, כדי צו הערן מער דעטאַלן איבער די געשיכטע**

(פאַרזעצונג פון זייט 23)

למעשה האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז די געביידע האָט נאָך פילע "הייסע ערטער", און בערך 2:00 נאָכמיטאָג האָט דער פייער פריש אויפגעפלאַמט. די מצילי אש און די גויאישע פייערלעשער זענען פריש אַרויסגערופן געוואָרן צום אָרט און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז דער פאַרברענטער געביידע איז אַ שטאַרקער געפאַר צום גאַנצן אַרום, און מ'איז געקומען צום באַצוויגענעם באַשלוס אַז מען דאַרף גענצליך איינוואַרפן די געביידע.

די מצילי אש אַגענטור האָט זיך פאַרבונדן מיט די קאָנדאָמיניום מענעדזשמענט און מען האָט אַראַנדזשירט די אונטערנעמונג. מען האָט אַראָפּגעברענגט טראַקטאָרן און קאָנטעינאָרס און אָנגעהויבן איינוואַרפן די געביידע. בשעת'ן איינוואַרפן האָט מען געדאַרפט כסדר שפּריצן מיט וואַסער צו פאַרלעשן די רעשטלעך פלאַמען וואָס האָבן פריש אויפגעפלאַמט.

*

רעדאַקציע: וואָס האָט, לויט אייער שאַצונג, פאַראורזאַכט די שריפה?

ר' יושע: כ'בין נישט קיין אַרסאָן אויספאָרשער, און די הייזער זענען דאָך איינגעוואָרפן געוואָרן. אָבער פון די באַריכטן אויפ'ן פעלד שטעלט זיך אַרויס אַז עס איז פאַראורזאַכט געוואָרן פון אַ ביה"כ פען.

קאָנטראַקטאָרס לייגן געוועגליך דאָס מינומום, און זייער אויסרעכענונג איז אַז מען צינדט דאָס אָן אַ אויף באַגרעניצטע צייט פאַר'ן באַנוץ און דאַן לעשט מען דאָס גלייך אויס. אַז מען לאָזט דאָס גיין אַ לענגערע צייט ברענגט דאָס אַ שריפה, און דאָס האָט שוין עטליכע מאָל פּאַסירט דאָ אין שטאָט ליידער.

*

רעדאַקציע: אפשר קענט איר ערקלערן, וויאַזוי קען אַזאַ פען ברענגען אַ שריפה?

ר' יושע: די ביה"כ פענס זענען גאָר שוואַך געבויט. אַ פען איז בטבע אַ דאָסט-קאָלעקטאָר, ד.מ. עס שלעפּט אַריין אַלערליי שטויב אין זיך, ווייל איר אַרבעט איז דאָך אַריינצוציען די גערוך און עס אַרויספירן. דאָס מיינט אַז אינעם ביה"כ פען איז כסדר דאָ שטויב און ברענענדיגע שטאָף.

דער מאָטאָר פונעם פען לויפט אויף "בעירינגס", ד.מ. קייקלען געווייקט אין אויל, וואָס ערלויבן זיך עס צו דרייען. די בעירינגס האָבן נישט קיין דויערהאַפטע שיכטע "גריעס" אָדער "אויל", זיי ווערן אָפּגענוצט און די אייזענעס אינעם מאָטאָר רייבן זיך איינער אינעם צווייטן און ווערן גליענדיג הייס און וואַרפן פונקען, און דאָס צינדט אונטער די שטויב און פאַפּירלעך אינעם ביה"כ פען. מענטשן זאָגן צומאָל אַז זיי הערן דעם ביה"כ פען מאַכן אַ גערודער. דער גערודער מיינט אַז עס טויג נישט און אַז די אייזענעס רייבן זיך.

ווי נאָר עס ברענט דאָרטן נעמט זיך דער פייער צושפּרייטן און הייבט אָן אויפעסן און אָפּפלאַקערן אַלעס אין איר וועג: פייבערגלעז, דראָנטן, און אפילו האָלץ. די האָלצערנע קלעצער אין אַ דירה נעמען זיך נישט סתם ברענען ווי טרוקענע שפּענדלעך אין אַ פייער-פלעיס, אָבער נאָכ'ן זיין אויסגעשטעלט צו היץ אַ לענגערע צייט ברענען זיי, און דאַן איז דאָס שוין געפערליך.

*

רעדאַקציע: מענטשן נוצן דעם טערמין: "אַן עלעקטערישן פייער", און זאָגן אז ביי אַן עלעקטערישער פייער לויפט דאָס אַרום אין די גאַנצע דירה דורך די דראָנטן, אַזוי ווי אַ באַן רייזט אויף שינעס, אָדער וואַסער וואָס לויפט אין די פלאָמבינג פייפּס, איז דאָס ריכטיג?

ר' יושע: עס איז אַן אום-אינפאָרמאַטיווע שילדערונג. לאָמיר דאָס ערקלערן: אַן עלעקטערישער פייער באַדייט ווי פאָלגענד. עס פאַסירט אַ קורצשלוס אין אַ ווייער, אָדער פאַסירט אַז אַן עלעקטערישער מאַשין ציהט צופיל עלעקטריק דורכ'ן דראָנט, מער וויפיל דער דראָנט קען פיזיש דערהייבן.

וואָס פאַסירט דאַן? דער דראָנט ווערט איבערגעהיצט און נעמט זיך ברענען, דער מעטאַל ווערט רויט גליענדיג און די פלאַסטיק שיכטע אויפ'ן דראָנט נעמט זיך שמעלצן. אָפּטמאָל קען זיין אַז אַ שטרעקע פון 50 פוס פון די ווייערס אָדער אפילו 100 פוס נעמט זיך ברענען, און דאָס צינדט אונטער די אַלע אַנדערע זאַכן אינעם וואַנט רח"ל.

דאָס מיינט אַן עלעקטערישער פייער, אָבער עלעקטערישע דראָנטן פירן נישט קיין פייער פון איין עק געביידע צום צווייטן אַזוי ווי זיי טראָגן עלעקטעריק, נישטאָ אַזאַ זאַך, און אַ פייער קען זיך נישט אַריבערכאַפּן פון איין דירה צום צווייטן דורך די אונטערערדישע עלעקטערישע דראָנטן... דאָס איז אַ קינדערישע לעגענדע...

*

רעדאַקציע: וואָסערע ראָלע האָבן די ספּרינקלערס געהאַט אין די שריפה?

ר' יושע: ווען די מצילי אש קומט אָן ביי אַ שריפה סצענע שטעקן זיי אַריין אַ ליין אינדרויסן פון די געביידע, ביים פייפּ וואָס פירט צום ספּרינקלער סיסטעם, כדי דער ספּרינקלער סיסטעם זאָל האָבן גענוג פּרעשור צו לעשן די שריפה. אָבער דאָ האָבן די ספּרינקלערס נישט געקענט העלפן, דער פייער איז געווען אין די ווענט פון די געביידע.

עס איז געווען פראַגן צי דער ספּרינקלער סיסטעם איז געווען אויסגעלאָשן צי נישט. מצילי אש האָט דערויף נישט קיין ענטפער. דאָך איז וויכטיג צו וויסן, אַז ביי אַלע אַלטע דעוועלאָפּמענטס דאָ אין שטאָט האָבן די הויפּט ספּרינקלער קראַנען נישט קיין אַלאַרם, און אוודאי נישט קיין מאַניטאָרינג סיסטעם. דאָס מיינט אַז יעדער מאן-דהוא קען אַראָפּגיין אין קעלער און פאַרלעשן דעם קראַן פונעם ספּרינקלער סיסטעם, וואָס מיינט אַז עס איז דעאַקטיוויזירט און קיינער פון די איינוואוינער וועט נישט וויסן דערפון.

מאַנכע פרעגן צי ספּרינקלערס אינעם בוידעם וואָלטן מעגליך געראַטעוועט די סיטואַציע, אויפדעם קען מען אויך דעבאַטירן. אָבער אין אַ בוידעם קען מען נישט לייגן אַ געהעריגן ספּרינקלער סיסטעם, ווייל די וואַסער פייפּס ווערן געפרוירן. מען קען לייגן אַ טייערערן סאָרט ספּרינקלער סיסטעם וואָס האָט נישט קיין וואַסער אין די פייפּס, אָבער דאָס ציהט אַריין אין גרויסע קאָסטן און עס איז צווייפלהאַפטיג צי עס קען טאַקע אָפּראַטעווען אַ געביידע פון אַ שריפה.

*

רעדאַקציע: צום שלוס, וואספארא מעסעדזש האָט איר פאַר וויכטיג אַז דער ציבור זאָל צו קענטעניס נעמען?

ר' יושע: מיר קענען נאָר ווידערהאָלן אַז מ'זאָל זיין גאָר פאָרזיכטיג, ווייל עס איז אַ שפּיל מיט פייער. מען זאָל אַכטונג געבן ביים קאָכן און באַקן עס זאָל זיך נישט אָנזאַמלען קיין קאַרבאָן מאַנאַקסייד; מען זאָל אַכטונג געבן שבת ויו"ט מיט די עלעקטערישע כלים, די האַט פּלעיטס און די פּערקולעיטאָרס. מען זאָל נישט מאַכן קיין אייגענע עלעקטערישע און גאַז קאָנעקציעס.

הויפּטזיכליך, אַז מען האָט דעם מינדעסטן ספק פון אַ שריפה, אפילו אַ צודאַכטעניש, זאָל מען זאָפאָרט רופן מצילי אש, ווייל יעדע סעקונדע מיינט דער דיפערענץ צווישן אָפּראַטעווען אידישע פאַרמעגנס, אָדער אַ טאָטאַלע פאַרלוסט פון נכסים של ישראל.



# תושבי קרית יואל אין שאָק נאָך העלישן פייער

(פאַרזעצונג פון זייט 23)

עסקנים געזעצן אין בית המדרש הגדול נאָך געלט, און טראָצדעם וואָס אין ביהמ"ד הגדול האָט געהערשט אַ פינסטערניש נאָך אַ קורצשלוס צוליב אַן עקסידענט וואָס האָט פאַסירט אויף פאַרעסט ראָוד וואָס האָט אַנידערגעשליידערט עטליכע פּאַוער-זוילן, איז אין ביהמ"ד געווען ליכטיג פון די פלאַמען וואָס זענען געקומען פון די וואַרעמע אידישע הערצער.

הונדערטער מתפללים ולומדים זענען פון זיך אַליינס צוגעקומען צום קאַמפּיין-טישל און זיך געלאָזט קאָסטן גרויס געלט, ווילנדיג מיט'ן גאַנצן האַרץ העלפן די זעקס פאַמיליעס וואָס זענען פון איין מינוט אויפ'ן צווייטן געבליבן אָן דאָס גאַנצע האָב-און-גוטס.

אויסער די הויפּט אַקציע אינעם גרויסן בית המדרש, האָבן די געטרייע אויבנדערמאַנטע עסקנים געשפּענדעט שעות ארוכות אין די טעג דערנאָך פאַר די געלט אַקציעס אין די אַנדערע גרעסערע בתי מדרשים אין קרית יואל. עס איז געווען אַ מחזה נהדר צו זען ווי אידן, דייקא נישט קיין פאַרמעגליכע, וועלכע האָבן זיך געלאָזט קאָסטן מיט גרעסערע סכומים.

די געלט אַקציע איז געקרוינט געוואָרן מיט אַ סוקסעס און מען האָט ברוך השם צוזאַמגעשטעלט אַ סומע געלט צו קענען העלפן די פאַמיליעס און עטוואָס לינדערן זייער נויט. אָבער אפי' דאָס איז נאָך ווייט פון צו ערזעצן דעם גרויסן שאדן.

מען האָט אָפּגעגעבן אַ גרויסן דאַנק פאַר די געטרייע עסקנים, וועלכע האָבן געאַרבעט מיט בלוט און שווייס אין לויף פון עטליכע וואָכן צוזאַמצושטעלן דאָס געלט און האָבן נישט געשוינט קיין צייט און מיה. אויך האָט מען באַדאַנקט די אַלע חשובע תושבי קרית יואל וועלכע האָבן זיך שיין משתתף געווען אַרויסצוהעלפן די באַטראָפענע פאַמיליעס.

### מען ראַטעוועט וואָס נאָר מעגליך

נאָך אין די נאַכט נאָכ'ן שריפה האָבן די עסקנים געאַרבעט צו ראַטעווען פון די דירות וואָס מער ווערדפולע זאַכן, צב"ש האָט מען אַראַנדזשירט אַז "חברים" זאָל אַראָפּברענגען איר טראָק; אַ מענגע מיט עסקנים; און אויך באַקסעס; און מען האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די ברוכוואַרג אָפּראַטעווען פון די דירות וואָס מער מעגליך. ספּעציעל האָט מען באַוויזן צו ראַטעווען 90 פּראָצענט פון די ספרים פון איינע פון די איינוואוינער אויפ'ן ערשטן שטאָק.

ווי פריער ערוועהנט איז דער בראָך פון די פאַמיליעס ערגער געוואָרן אַ טאָג נאָכ'ן שריפה, ווען דער פייער האָט עטליכע מאָל צוריק אויפגעפלאַמט און מען האָט געמוזט די גאַנצע געביידע איינוואַרפן.

די ברוכוואַרג זענען אַריינגעלאָדענט געוואָרן אין קאָנטעינאָרס, וואָס דאָס האָט מען שפּעטער אויסגעגאָסן, און מען האָט גענוצט אַ קליינעם טראַקטאָר דאָס דורכצונישטערן און מען האָט פּרובירט אָפּצוראַטעווען וואָס מער פון די שמות און די אַנדערע ווערטפולע זאַכן. ליידער אָבער איז דאָס רוב פון די פאַרמעגנס פון די פאַמיליעס טאָטאַל חרוב געגאַנגען.

### "ווילידזש קאָמיוניטי סערוויס" קומט צו הילף

די "ווילידזש קאָמיוניטי סערוויס דעפּאַרטמענט", זעענדיג דעם גרויסן אומגליק וואָס האָט באַטראָפן די זעקס קינדער געבענטשטע פאַמיליעס, האָט זיך גלייך איינגעשפּאַנט צו שאפן הילף אויף אַלע אופנים וואָס נאָר מעגליך.

די באַאַמטע אינעם ווילידזש סאָושעל סערוויס דעפּאַרטמענט האָבן זיך געטריי אַהערגעשטעלט אַרויסצוהעלפן די פאַמיליעס מיט אַלע נויטיגע זאַכן. ספּעציעל איז אַרויסגעהויבן געוואָרן די צוויי געטרייע בעלי חסד ולבבות טובות, הלא הם: ר' איסר יודא בערגער הי"ו, אַ תושב השכונה, און ר' אהרן שמואל שרייבער הי"ו, אַ באַקאַנטער עסקן דאָ אין שטאָט וועלכע האָבן זיך אַריינגעלייגט מיט וואָס מען קען העלפן די פאַמיליעס אויפ'ן געביט פון שטאָטישע הילפס פּראָגראַמען און אויך צו ערזעצן די אַלע אָפיציעלע געבורט-שיינען און דאָקומענטן וואָס זענען אַרויפגעגאַנגען אין פלאַמען אינעם שריפה און אַז דאָס זאָל זיי נישט שטערן ביים באַקומען שטאָטישע הילף פּראָגראַמען.

אויך איז אַרויסגעברענגט געוואָרן

(פאַרזעצונג אויף זייט 27)



KIRYAS JOEL UNION FREE SCHOOL DISTRICT

48 Bakertown Road Suite 401 • Monroe, NY 10950 • (845) 782-2300 / Fax (845) 782-4176

TRANSPORTATION DEPARTMENT

מיט גרויס פרייד מעלדן מיר פאר די חשוב'ע עלטערן שיחיו,
אז אין א פארזוך צו פארגרינגערן און פארבעסערן די קאמיוניקאציע סיסטעם
צווישן די עלטערן און די טראנספארטאציע דעפארטמענט,

האבן מיר איינגעשטעלט א

# קאמיוניקאציע ליין

**וואו איר קענט רופן במשך א גאנצן טאג איבער סיי וועלכע פראבלעם אדער קאמפלעינט**

**פאר סיי וועלכע טראנספארטאציע אנגעלעגנהייט רופט:**

# 782-2300 Ext. 123



**מיר האבן אויפגענומען א ספעציעלע דיספעטשאר וואס וועט אויפהייבן און ענטפערן די טעלעפאנען, ווען איר רופט אריין אין די פאלגענדע זמנים:**

פון **מאנטאג** ביז **דאנערשטאג:** פון **9:00** צופרי ביז **5:00** נאכמיטאג

**פרייטאג:** פון **9:00** צופרי ביז **1:00** נאכמיטאג



**אין פאל פון אן עמוירדזשענסי, צב"ש א פארלוירן קינד אדער אן עקסידענט ח"ו, קען מען רופן 24 שעה אויפ'ן זעלבן נומער, און דער קאל וועט געטערענספערט ווערן צו א סעליולער טעלעפאן פונעם טראנספארטעישאן דעפארטמענט.**

פאר אלע אנדערע אנגעלעגנהייט, צב"ש א טויש אין אדרעס, א קאמפלעינט אדער א פראגע, זאל מען רופן בלויז אין די אויבנדערמאנטע שעה'ן.

**אכטונג: אויב איר מופט אין א נייע דירה, ביטע רופט אריין וויינינגסטנס 2 וואכן בעפאר**

מיט דאנק פאר אייער קאאפעראציע און האפענונג אויף אייער פארשטענדעניש.

**די טראנספארטאציע דעפארטמענט**

# תושבי קרית יואל אין שאָק נאך העלישן פייער וואָס האט איבערגעלאזט 6 פאַמיליעס היימלאָז

(פארזעצונג פון זייט 25)

אַ דאַנק פאַר הר״ר משה אליעזר ניימאן הי״ו פונעם ווילידזש האַוזינג אָפיס, און זיין געטרייער איידעם ר׳ יואל גוטמאַן הי״ו, וועלכע האָבן געהאָלפן די עטליכע פון די באַטראָפענע פאַמיליעס וואָס האָבן סעקשאָן 8, אַז זיי זאָלן דאָס קענען באַקומען אויפ׳ן אַנדערן אַדרעס פון זייערע צייטווייליגע דירות און אַז די הילף זאָל מאָמענטאַל געהעכערט ווערן אין ליכט פונעם נויט פון די פאַמיליעס.

אויך אַ זונטאָג נאָכ׳ן פייער האָט דער ווילידזש אַראַנדזשירט אַז די "רעד קראָס" זאָל אַראָפּקומען צום אָרט און העלפן די באַטראָפענע פאַמיליעס. דער ווילידזש סאָושעל סערוויס אָפיס האָט אָרגאַניזירט אַ הילפס מיטינג, וועלכע איז פאָרגעקומען אינעם הויז פון ר׳ יושע קאָרנבלי הי״ו, צווישן די פאָרשטייער פון די רעד קראָס; די עסקנים; און די באַטראָפענע פאַמיליעס, אַריינגערעכנט די צוויי פאַמיליעס וועלכע האָבן געליטן שווערע שאָדנס ביים שריפה דעם זעלבן טאָג אויף מאַונטעין ראָוד.

די רעד קראָס האָט אויסגעדרוקט אַ ווילִיגקייט צו געבן הילף, און מען האָט אַראַנדזשירט אַז די פאַמיליעס זאָלן באַקומען דאָס מאַקסימום וואָס די אָרגאַניזאַציע גיבט.

### תושבי פאַראַקאַוועי צאָלן אָפּ אַן הכרת הטוב פאַר תושבי קרית יואל

די פאַראַקאַוועי איינוואוינער האָבן געהערט פון די צרה וואָס עס האָט באַטראָפן די זעקס משפחות אין קרית יואל וועמענס גאַנצער האָב און גוטס איז אויפגעגאַנגען אין פלאַמען און זיי זענען רח״ל געבליבן בעירום ובחוסר כל און זיי האָבן דערפאַר באַשלאָסן אָפּצוצאָלן די חושבי קרית יואל פאַר דאָס גוטס וואָס מען האָט געטאָן מיט זיי בשעת זיי האָבן געליטן פון די נאָכווייען פון האָריקעין סענדי.

די פאַראַקאַוועי אידן האָבן זיך אָרגאַניזירט און האָבן פּראָקלאַמירט אַ ספּעציעלן חסד דרייוו אַקציע, אין וועלכע מען האָט צונויפגעזאַמעלט אַלערליי ווערד-זאַכן וואָס קען צונוץ-קומען פאַר די באַטראָפענע פאַמיליעס און דאָס צוזאַמגעשטעלט אויף איין אָרט און דאָס אָפּגעשיקט קיין קרית יואל. אויך האָבן די דאָרטיגע אידן אַראַנדזשירט אַ געלט אויפטרייבן אַקציע און האָבן צונויפגעשטעלט אַ שיינע סומע צו העלפן די באַטראָפענע נפשות.

די שלוחים פון פאַראַקאַוועי האָבן מיט צופרידנהייט אָפּגעבראַנגט די געלט הילף און סופּלייען קיין קרית יואל, און עס איז דאָהי איבערגענומען געוואָרן דורך די חברים קאָאָרדינעיטאָרס וואָס האָבן זיי אָפּגעוואַרט. זיי האָבן מיט אַ שמייכל צוגעלייגט אַז דאָס איז בלויז אַ קליינער הכרת הטוב פאַר דאָס אַלעס וואָס תושבי קרית יואל האָבן זיך געאָפּפערט פאַר זיי ביים האָריקעין סענדי.

די פאַראַקאַוועי עסקנים זענען דערנאָך אַריבערגעגאַנגען צו איינע פון די חשוב׳ע באָורד מעמבערס פון חברים, וועלכער איז געווען גאָר שטאַרק אינסטרומענטאַל אין די געלט אויפטרייבן אַקציע און האָט גראַדע יענע נאַכט געפייערט דעם שמחת ה׳וואַך נאַכט לבנו הנולד לו למזל טוב, אים אָפּצוגעבן דעם ישר כוח פאַר׳ן זיי מזכה זיין מיט די געוואַלדיגע מצוה.

### עפּילאָג:

פון אַלע זייטן האָבן אידן געהאָלפן אָדער אנגעבאָטן צו העלפן. צב״ש האָט אַ חשוב׳ע סופר דאָהי אין שטאָט אנגעבאָטן בחנם צו שרייבן פרישע כתובות פאַר די אידן וועלכע האָבן דאָך פאַרלוירן די כתובות אינעם פייער.

אויך האָבן אַנדערע אידן אנגעבאָטן הילף מיט עסקנות, טאַט און ראַט, און אויך געלט. דער באַשעפער וועט פאַר די אַלע אוודאי באַצאָלט בכפל כפליים.

די באַטראָפענע פאַמיליעס האָבן פאַר די רעדאַקציע פונעם הקריה אויסגעדרוקט זייער דאַנק פאַר די הויפּנס הילף וואָס זיי האָבן באַקומען אין פאַל פון נויט, און האָבן זיך באַדאַנקט פאַר די אַלע עסקנים און תושבי קרית יואל וועלכע האָבן זיי אַזוי האַרציג אַרויסגעהאָלפן בגוף ובממון בעת צרתם.



# נישט צווייפלען, קווענקלען, אָדער רופן דעם שכן ווען מען שמעקט רויך

די אומשטענדן אַרום די לעצטיגע פייער קאָלס וואָס די מצילי אש האָט אַריינבאַקומען האָט ווידעראַמאָל אויפגעבראַנגט דעם פאַקט, אַז מענטשן פאַרלירן טייערע צייט און שטעלן אין געפאַר מענטשליכע לעבנס און אידישע נכסים, דורך קווענקלען און צווייפלען צי מען זאָל יאָ רופן און נישט רופן מצילי אש.

דוכט זיך, אַז אין היסטאָריע פון קרית יואל, איז נאָך קיינער נישט באַשטראָפט געוואָרן פאַר׳ן רופן מצילי אש פאַר אַ מינדערוויכטיגע זאַך און פאַר אַ צודאַכטעניש.

עס מאַכט זיך אָפט אז מען שמעקט אַ פייער גערוך, מען זעט אַ רויך, און אַנשטאָט רופן מצילי אש הייבט מען אָן קווענקלען און צעגערן מיט די צייט. מען רופט דעם שכן פרעגן צי ביי אים שמעקט אויך, צי ער זעט רויך.

דאָס איז אָבער קיין וויץ. יעדע מינוט קען זיך אַ פייער דאָפּלען, און אויב עס ברענט מיינט דאָס אַז יעדע סעקונדע ציילט. מען טאָר נישט פאַרלירן קיין צייט. עס איז נישט קיין שום בושה צו רופן מצילי אש און מצילי אש איז נישט ברוגז ווען מען רופט זיי פאַר אַ צודאַכטעניש, אדרבה זיי פאָדערן און פאַרלאַנגען אַז מען זאָל זיי רופן וואָס פריער, ווי נאָר מען האָט דאָס מינדעסטע פאַרדאַכט אַז עס ברענט.

געדענקט: ווען שמעקט פון פייער, אָדער עס שמעקט פון שמעלצענדע פּלאַסטיק, אָדער מען זעט אָדער מען שפּירט רויך, איז קלאָר אַז עס ברענט, נישטאָ קיין צווייפלען דערינען.

# מצילי אש ווידערהאלט בקשה נישט איבערצולאזן ח״ו טעפּ אויפ׳ן ברענענדיגן גאַז רענטש אן אויפזיכט

שוין צום וויפילטן מאָל איז אין די שפּאַלטענס פון הקריה אַרויסגעברענגט געוואָרן דער פּראָבלעם, אַז פרויען לאָזן איבער דעם טאָפּ נאַכטמאָל קאָכן אויפ׳ן גאַז, און לאָזן זיך אַרויס אויף די יאַרכע איינקויפן אין די געשעפטן. דאָס קען זיך חלילה זייער נישט גוט אויסלאָזן.

אָפטמאָל באַקומט די מצילי אש אַריין אַן עמוירדזשענסי רוף פון אַ שכן, וועלכער זאָגט אַז ער שפּירט אַ פייער גערוך; ער זעט רויך אַרויסדרינגען פון אַ פענסטער; מען שפּירט אַ גערוך פון צוגעברענטס. מען רייסט אויף די טיר פון די דירה און מען טרעפט אַ טאָפּ מיט עסן ברענט אויפ׳ן גאַז רעינדזש.

מיר דאַרפן ווידערהאָלן אַז איבערלאָזן אַ טאָפּ אויפ׳ן גאַז רעינדזש מיינט אַז מען שטעלט זיך און אַלע איינוואוינער אין די געביידע איין אין אַ לעבנס געפאַר. ווען עס ברעכט אויס אַ פייער קען אין די געביידע פאַרכאַפּט ווערן נפשות אין די פלאַמען און אינעם רויך, און עס נעמט נישט לאַנג רח״ל עס זאָל צוקומען צו סכנת נפשות.

אויך נעמען מענטשן נישט אינאַכט דעם פאַקט, אַז ווען עס ברענט אַ טאָפּ אויפ׳ן גאַז רענטש און עס ברענט שוין צו, ערצייגט דאָס קאַרבאָן מאַנאַקסייד און אויך גאַז, און די גאַז — ווען עס איז דאָ אַ גענוגענדע פּראָצענט דערפון אין די דירה — קען אויפרייסן. דאָס מיינט אַז אַלעס אין די דירה רייסט ספּאָנטאַן אויף אין העלישע פלאַמען.

דעריבער טאָר מען נישט איבערלאָזן עסן אויפ׳ן פלאַם און אַרויסגיין פון שטוב. העכסטענס אַז מען מוז קאָכן דעם נאַכטמאָל און אַרויסגיין זאָל מען דאָס טאָן אין אַ סלאָו-קוקער, אָדער איבערגעבן דעם טאָפּ צום שכן. (נישט הייסן דעם שכן אַריינקומען פון צייט צי צייט אין דירה אַ קוק טאָן אויפ׳ן טאָפּ, צוליב וואָס מענטשן פאַרגעסן געוועגליך).

# פייער-נאָטיצן פונעם ווילידזש בילדינג קאָוד דעפּאַרטמענט

(פאַרזעצונג פון זייט 22)

קענען פאַרמאַכן דעם ספּרינקלער קראַן אָנדעם וואָס עס זאָל צוקלונגען דעם אַלאַרם.

- דער אַלאַרם אויפ׳ן קראַן פונעם ספּרינקלער סיסטעם מוז זיין פאַרבונדן מיט אַ מאַניטאָרינג סיסטעם.
- דער מאַניטאָרינג סיסטעם דאַרף זיין אַקטיוו, און אַז דער אַקאַונט פאַר׳ן מאַניטאָרינג סערוויס ביי די מאַניטאָרינג פירמע זאָל זיין באַצאָלט, כדי אַז אויב עמיצער פאַרשפּאַרט דעם קראַן פונעם פייער ספּרינקלער סיסטעם זאָל מען דאָס וויסן.

### ביהכ״נ פּען גאָר שעדליך

עס איז כדאי אינאכט צו נעמען אַז ביהכ״כ פּענס טאָר מען נישט נוצן סיידן פאַר אַ קורצער זמן.

יעדער ראש בית אב איז פאַראַנטוואָרטליך זיכער צו מאַכן אַז די עקזאָוסט פּייפּס פון די פּענס פון די ביהכ״כ און די דרייוּוער ווענטילאַציעס זענען פאַרמאַכט מיט נעצן וואָס לאָזן נישט אַריין קיין פויגלען. אויב דאָס איז געווען אָפן אָן קיין נעץ פאַר אַ שטיק צייט, איז דאָ אַ שטאַרקער מעגליכקייט אַז פויגלען האָבן זיך דאָרט געמאַכט נעסטן. דערפאַר דאַרף מען דאָס לאָזן קלינען דורך אַ פאַרלעסליכע פירמע.

ביי דרייוּוער ווענטס דאַרף מען דאָס יערליך קלינען צוליב די סחורה אָפּפאַל (לינט) וואָס זאַמעלט זיך אָן אינעם דרייער ווענטילאַציע פּייפּ.

יעדער ראש בית אב דאַרף זיכער מאַכן אָנצוזאָגן אַלע שטוב מיטגלידער אַז מען טאָר בשום אופן נישט לאָזן דעם ביהכ״כ פּען אַרבעטן פאַר מער ווי אַ קורצע צייט. אַז עס האָט זיך געמאַכט אַז מען האָט ביים זמן ליכט צינדן פאַרגעסן דאָס אויסצולעשן, אָדער אַז אַ קינד האָט דאָס אָנגעצונדן אום שבת, מוז מען רופן אַ גוי דאָס פאַרלעשן ווייל עס איז אַ סכנה.

אַ גוטע לעזונג איז צו אינסטאָלירן אַ ספּעציעלן טיימער-סוויטש וואס לעשט זיך אויס גלייך נאָכדעם וואָס דער זייגער לויפט אויס. די סאָרט סוויטשעס נוצט מען ביי די באַלייכטונגען אין סטאָרעדזש רומס און אין קעלערן.

### ווילידזש׳ס בילדינג-קאָודס אינפאָרסירונג, קיינע קאַפּריזן

פילמאָל מאַכט זיך אַז דער ווילידזש׳ס בילדינג דעפּאַרטמענט פאַרלאַנגט זאַכן מער ווי דער ניו יאָרק סטעיט געזעץ פאַרלאַנגט און עס מאַכט זיך אַמאָל אַז בויערס אין שטאָט האָבן טענות, היתכן אַז דער ווילידזש איז 'פרומער' ווי ניו יאָרק סטעיט און טיילמאָל קוקט דאָס אויס ווי סתם אַ קאַפּריז.

דערפאַר איז וויכטיג אָנצואווייזן אויפ׳ן איצטיגן פאַל, צו פאַרשטיין אַז די חומרות וואָס מען מאַכט אין בילדינג קאָוד געזעצן זענען צו ראַטעווען אידישע נפשות און פאַרמעגנס און איז נישט געמאַכט כדי עס זאָל טייערע אָפּקאָסטן דעם בויער.

לויט׳ן ניו יאָרק סטעיט בילדינג קאָוד געזעץ פעלט נישט אויס קיין ציגלנעם פייער וואַנט, עס איז גענוג צו לייגן צוויי שיכטן פון ספּעציעלע פייער-ווידערשטאַנדיגע שיטראַק.

דאָהי אין קרית יואל איז אַנדערש. דער ווילידזש בילדינג דעפּאַרטמענט פאָלגט געווענליך נאָך די פאָרשריפטן פון די סטעיט, אָבער אויפ׳ן געביט פון פייער-ווענט איז קרית יואל מחמיר און דער ווילידזש פאַרלאַנגט מען זאָל בויען אַ ציגלנעם פייער-וואַנט צווישן די טיילן פון אַפּאַרטמענט דירות. דאָס איז פּשוט, ווייל אין קרית יואל באַשטייען די דירות פון גאַנצעטע בלאָקן פון אַפּאַרטמענט געביידעס, און ווען עס מאַכט זיך אַ פייער כאַפּט זיך דאָס שנעל אַריבער ליידער, ווי מען האָט שוין פילע מאָל געהאַט.

געוועגליך ווען עמיצער בויט אַן אַפּאַרטמענט בילדינג פון זעקס יוניטס וועט מען פון אים פאַרלאַנגט צו שטעלן אַ ציגלנעם פייער וואַנט צווישן די זעקס, ד.מ. דריי אויף איין זייט וואַנט און דריי אויף די אַנדערע זייט וואַנט. ווידעראום אַז אַ בויער בויט אַ גרעסערן אַפּאַרטמענט בלאָק וואָס אַנטהאַלט 12 דירות, וועט געוועגליך זיין אויסגעשטעלט אַז זעקס דירות זענען איין פליגל און זעקס דירות זענען דעם אַנדערן פליגל, און דער פייער-וואַנט טיילט אָפּ צווישן די ביידע. ד.מ. זעקס דירות פון איין זייט און זעקס דירות פונעם אַנדערן זייט.

ביי די אַפאָרדעיבל יוניטס אינעם עצי התמרים געגענט איז נישט געבויט געוואָרן קיין ציגלנעם פייער וואַנט צווישן די צוויי פליגלען פון די אַפּאַרטמענט געביידעס. דער אורזאַך: היות דאָס איז געבויט געוואָרן ספּעציעל אַלס אַפאָרדעיבל יוניטס, און דערויף האָט דער בויער נישט פאַרדינט קיין סאַך געלט, האָט מען געלאזט בויען לויט׳ן אָפיציעלן ניו יאָרק בילדינג קאָוד געזעץ, וואָס פאַרלאַנגט געווענליך נישט קיין ציגלנעם פייער וואַנט, און בלויז אַ דאָפּלטע שיכטע פון פייער-ווידערשטאַנדיגע שיטראַק איז גענוג אַלס מחיצה צווישן די פאַרשידענע פליגלען פון אַן אַפּאַרטמענט געביידע.

דוכט זיך אַז דער אויספיר דאַרף מען נישט אויספירן. עס איז קלאָר אַז ווען עס איז אַ ציגלנעם פייער וואַנט וואָלט די אַנדערע דריי אַפּאַרטמענטס אויפ׳ן לינקן זייט פונעם בילדינג אָפּגעראַטעוועט געוואָרן. אַז נישט אינגאַנצן כאָטש למחצה ולשליש ולרביע.

ווי פריערד ערוועוּנט: דער באַשלוס נישט צו פאַרלאַנגען אַ ציגלנעם פייער-שוץ וואַנט איז געמאַכט געוואָרן בכובד ראש, אַלס אויסנאַם פאַר׳ן בויער וועלכער האָט זיך אונטערגענומען די אונטערנעמונג צו בויען אַפאָרדעיבל דירות. אָבער עס איז וויכטיג פאַר בויער צו געדענקען אַז די בילדינג קאָוד געזעצן וואָס מען פאַרלאַנגט פונעם ווילידזש אָפיס זענען נישט קיין קאַפּריזן.

# מערערע פייער קאָלס אין די לעצטיגע שבתים צוליב אומפּאָרזיכטיגקייטן

מצילי אש האָט אויפגעפּאָדערט די רעדאַקטאָרן פונעם "הקריה", איבערצוגעבן פאַר די איינוואוינער צו זיין פאָרזיכטיג נאָכדעם וואָס די צאָל פייער קאָלס אין שבתים זענען געשטיגן.

צב"ש פון אַ פאַל: מען האָט אַראָפּגעשטעלט אַ פּערקולעיטאָר מיט וואַסער כדי צו האָבן הייס וואַסער פאַר שב"ק. למעשה במשך דעם שבת האָט מען געצנליך אויסגענוצט דאָס וואַסער און דער פּערקולעיטאָר האָט זיך גענומען איבערהיצן און אַרויסגעבן אַ פייער-גערוך. אַ פּערקולעיטאָר טאָר נישט לויפן ליידיג אָן קיין וואַסער. דאָס צוברעכט דעם מאַשין און קען גורם זיין אַן ערנסטע שריפה.

אַן אַנדערן פאַל: אַ איד האָט זיך פרייטאָג נאָכמיטאָג געפּלאָגט צו אינסטאָלירן אַ שבת זייגער אינעם דיינינג רום. ער האָט דאָס געמאַכט אויף איין וועג און עס האָט נישט געאַרבעט; געמאַכט אויפ'ן צווייטן וועג און עס האָט נאָך ווייטער נישט געאַרבעט. דאַן האָט ער דאָס געמאַכט אויפ'ן דריטן וועג און עס האָט נאָך ווייטער נישט געאַרבעט, אָבער ער האָט געלאָזט די דראָנטן אַזוי ווי ער האָט דאָס געמאַכט דעם דריטן מאָל.

למעשה האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז דער איד האָט דאָס צוזאַמגעשטעלט אויף אַ וועג אַז עס האָט פאַראורזאַכט אַ קורצשלוס, און די ווייערס האָבן זיך גענומען ברענען טיף אינעם פרייטאָג צונאַכטס.

דער איד האָט דאס אינפאָרמירט פאַר די פּובליק סעיפטי וועלכע האָבן אַלאַרמירט די שבת-גוים פון מצילי אש וועלכע זענען אַריבערגעקומען מיט'ן פייער טראָק און באַצייטענס אויסגעלאָשן די עלעקטערישע שריפה.

די לעקציע פון די געשיכטע: מען מאַכט נישט קיין אייגענע עלעקטערישע פאַרבינדונגען, דאָס לאָזט מען איבער פאַר ערפאַרענע קוואַליפיצירטע עלעקטערישאָנס.

פילע מאָל מאַכט זיך פייער קאָלס ווען מענטשן באַדעקן דעם גאַנצן האַט-פּלעיט מיט סילבער פּאַפּיר, אַריינגערעכענט אויך דעם אָנדרייער און דעם עלעקטראָנישן שטעקער. דאָס ברענגט אַז אַלע פּלאַסטיק טיילן נעמען זיך שמעלצן, די סילבער פּאַפּיר ברענט און עס גיט אַרויס געזן און קאַרבאָן מאַנאַקסייד. דאָס איז אַ געוואַלדיגע געפאַר, מען דאַרף נישט באַדעקן די עלעקטערישע טיילן מיט סילבער פּאַפּיר, בלויז דעם אָנדרייער זעלבסט דאַרף מען באַדעקן, און מעגליך אויך דעם בעטל פונעם האַט-פּלעיט.

*

די מצילי אש האָט זיך אויך די לעצטע שבתים געספּראָוועט מיט צוויי ערנסטע שריפות, וואו מען האָט בחסדי השם אָפּגעראַטעוועט אידישע הייזער פון צוגרונד גיין.

אין איין פאַל איז שבת נאָכמיטאָג פאָרגעקומען אַן עלעקטערישער פייער אין אַ אידישע דירה אינדרויסן פון די גרעניצן פון קרית יואל. די איינוואוינער האָבן נישט געקווענקעלט נאָר שנעל גערופן די מצילי אש פייער דעפּאַרטמענט. די גויאישע מצילי אש וואָלונטירן זענען אַראָפּגעקומען און האָבן שנעל אויפגעבראָכן די ווענט און פאַרלאָשן דעם עלעקטערישן פייער וואָס האָט געשמאָלצן צווישן די ווענט, נאָך פאַר עס האָט געהאַט אַ געלעגנהייט זיך צו פאַרשפּרייטן.

אַן אַנדערער פאַל האָט פאַסירט אַ פרייטאָג צונאַכטס, עס האָט פאַסירט ווען עמיצער האָט געצונדן די שב"ק ליכט אַראָפּגעלייגט אויף אַ טשעסט-קעבינעט. למעשה איז אַראָפּגעפאַלן אַ ליכט און עס האָט אונטערגעצונדן דעם גאַנצן קאַבינעט וואָס האָט גענומען העליש פלאַקערן. איינע פון די דירה איינוואוינער האָט שנעל געגאָסן וואַסער צו פאַרלעשן די פלאַמען, ווען די מצילי אש גוים זענען אָנגעקומען האָבן זיי געדאַרפט גוט באַגיסן דעם גאַנצן אָרט מיט וואַסער כדי געצנליך אויסצולעשן דעם פייער, און האָבן אויך געברענגט די ווענטילעיטאָרס כדי אויסצולופטערן די דירה פונעם רויך.

בשעת'ן פייער האָט זיך געמאַכט אַ טומל, ווען עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז איינע פון די קינדער פעלן, מען האָט זיך גענומען זוכן אויף אַלע זייטן און מען האָט געזאָרגט אַז דאָס קינד איז פאַרכאַפּט אין די רויך-אָנגעפילטע דירה. למעשה האָט מען שפּעטער געטראָפן אַז דאָס קינד געפונט זיך אין הויף אינאיינעם מיט די אַנדערע פאַמיליע מיטגלידער וועלכע זענען אין בהלה אַרויסגעלאָפן פון די הויז.

מ'האָט אָפּגעגעבן אַ שבח והודאה פאַר'ן באַשעפער אַז מען האָט אויסגעמיטן גרעסערע אומגליקן און אַז מען האָט געקענט באַצייטענס אויסלעשן די אַלע פייערן. דאָך איז גאָר וויכטיג אָנצוזאָגן פאַר'ן ציבור אַז מען זאָל זיין פאָרזיכטיג, ווייל אַז מען טוט אומפאָרזיכטיגע שריט שטעלט מען זיך איין אין אַ סכנה און אויך דעם גאַנצן בנין מיט שכנים.

# צינדן צופיל ליכט אין איין שטוב, אַ פייער געפאַר, ה"י

די מצילי אש האָט באַוויזן אָפּצוראַטעווען אַ גאַנצע דירה פון אָפּגעברענט ווערן טאַקע אין די לעצטע מינוט. עס האָט פאַסירט אין אַ וואָכנטאָג ווען עמיצער האָט אין שטוב געצונדן איבער 50 ליכט, אין פאָרמאַט פון טרעוול ליכט אַריינגעשטעלט אין אַ בעקעלע.

היות עס איז דאָך ווינטער, און די פענסטערס און טירן זענען הערמעטיש פאַרמאַכט, און די לופט אין שטוב איז סטאַטיק עס רירט זיך נישט אַרויס, האָט זיך שנעל אויפגעבויט אַ געפאַרפולע מאָס פון קאַרבאָן מאַנאַקסייד (אַ גאַז וואָס ווערט פּראָדוצירט פון יעדן פייער) אין די דירה.

קאַרבאָן מאַנאַקסייד איז אַ טויטליכער גאַז וואָס קען צוריבן דעם אָטעם, אָבער עס איז אויך אַ פלאַמענדיגער גאַז. די טבע פונעם קאַרבאָן מאַנאַקסייד גאַז איז אַז עס שוועבט אַרויף צום דאַך פונעם צימער, און ווען דער דאַך ווערט אָנגעפילט מיט גאַז הייבט דאָס אָן אַראָפּקומען אַראָפּציר און אַראָפּציר, און דאַן רייסט די גאַז אויף ספּאָנטאַן אין פלאַמען.

דאָס האָט פאַסירט אין די דירה, עס איז געוואָרן אָנגעפילט מיט קאַרבאָן מאַנאַקסייד, און עס איז אַראָפּגעקומען אַלס אַראָפּציר און אַראָפּציר און האָט עקספּלאָדירט אין פלאַמען. דער גאַנצער קיך האָט זיך גענומען העליש ברענען.

די העלדישע מצילי אש וואָלונטירן זענען שנעל אַרויסגערופן געוואָרן, און האָבן באַוויזן אַראָפּצוקלאַפּן די פלאַמען און פאַרלעשן דעם פייער. אַזוי האָט מען אָפּגעראַטעוועט אַ גאַנצן בנין פון אידישע פאַמיליעס פון אויפגיין אין פלאַמען.

די מצילי אש באַאַמטע האָבן ווידעראַמאָל אַרויסגעגעבן אַ רוף, אַז מען זאָל אַנערקענען אַז קאַרבאָן מאַנאַקסייד איז אַ טויטליכער געפאַר, און בכלל ווינטער ווען מען קאָכט און מען באַקט זאָל מען אָפּן האַלטן די פענסטער עטוואָס, כדי די לופט אין שטוב זאָל צירקולירן און אַז עס זאָל נישט ווערן קיין אָנזאַמלונג פון קאַרבאָן מאַנאַקסייד גאַז. נאָך אַ פונקט: מען טאָר בשום אופן נישט צונדן מערערע ליכט אין שטוב, דאָס איז אַ לעבענס געפאַר און מען שטעלט זיך און אַלע שכנים אַריין אין סכנות נפשות

ונשמרתם מאוד לנפשותיכם.

# פייער אינשורענס

(פאַרזעצונג פון זייט 22)

פאַראַנטוואָרטליך אויף די הויז פייער אינשורענס פאַליסי.

דאָס אַלעס האָט נישט קיין שום שייכות מיט חפצים פייער אינשורענס. דאָס איז אַ פּריוואַטע זאַך וואָס יעדער יחיד, יעדער ראש הבית, דאַרף אַליינס קויפן. נאָכאַמאָל: די סתם פייער אינשורענס דעקט נאָר צוריק אויפצובויען דעם סטרוקטור פון די הויז, נישט פאַר די שאָדנס פון די חפצים.

אינשורענס אַגענטן פאַרדינען נישט קיין סאַך געלט אויף חפצים פייער אינשורענס. עס איז דאָ דערויף אַ שטאַרקן קאָנקורענץ און זיי טוען דאָס אַלס סערוויס. עס לוינט זיי נישט זיך צו רעקלאַמירן און נאָכלויפן מענטשן צו קויפן חפצים פייער אינשורענס, ווייל מען פאַרדינט דערויף כמעט נישט קיין געלט. עס איז נאָר אַ סערוויס וואָס אַן אינשורענס אַגענט טוט בנוסף צודעם וואָס ער פאַרקויפט אַנדערע אינשורענס פּראָדוקטן אויף מען פאַרדינט שוין יאָ מער.

אַז אַן אינשורענס מאַן לייגט זיך שוין יאָ אַריין דערינען, איז דאָס יענס געשעפט. ער גיט עמיצן אַ פּרייז פון $500 זאָגט אים דער איד: "כ'האָב געפרעגט אַ צווייטן און יענער האָט דאָס פאַר $250", און ווען מען נעמט שוין די פירמע פון $250 דערמאַנט זיך דער קונה אַז ער קען טרעפן אַ פירמע וואָס גיט דאָס פאַר בלויז $100.

ווי פאַרשטענדליך ביי חפצים פייער אינשורענס, פונקט ווי יעדער פּראָדוקט, גילט דער כלל: "איר באַקומט וואָס איר באַצאָלט". וועניג מענטשן אינטערעסירן זיך וואָס די חפצים פייער אינשורענס פאַליסי דעקט און מען ליינט נישט דורך דעם דיקן פאַליסי דאָקומענט. הערשט ווען מען וויל קאַסירן אַ קלעים נאָך אַ אומגליק ל"ע ווערט מען געוואויר אַז די $100 חפצים פייער אינשורענס איז ווערד אַ מכה. אָבער דאַן איז שוין צי שפּעט.

אוודאי איז נאָרמאַל פאַר אַ מענטש צו זוכן אַ ביליגן פּרייז, אָבער מען דאַרף וויסן וואָס מען באַקומט ביי די טייערע פאַליסיס און וואָס ביי די ביליגע פאַליסיס.

חפצים פייער אינשורענס איז נישט קיין גראָדע זאַך. עס מיינט נישט אַז אין פאַל פון אַ שריפה באַקומט מען $50,000 אויפ'ן פלאַץ. עס איז אויך אַלעס דאָ סטאַנדאַרטן, און די פירמעס רעכענען אַראָפּ די "דעפּרישיעישאָן", ה.מ. דאָס וואָס די נכסים פאַרלירן זייער ווערד במשך די יאָרן.

חפצים פייער אינשורענס דעקט אויך נישט זאַכן וואָס זענען אַריינגעבויט אין די הויז, צב"ש אַ טייערע קיך, ביה"כ, אָדער דעם צענטראַל עירקאָנדישאָן סיסטעם א.ד.ג.

די אַלע טייערע זאַכן וואָס מען בויט אַריין אַ דירה איז נישט געדעקט דורך די חפצים פייער אינשורענס און אויך נישט דורך די הויז אייגענטומער אינשורענס. כדי די אַלע זאַכן זאָלן זיין געדעקט דורכ'ן הויז אייגענטומער'ס אינשורענס פאַליסי, דאַרף מען אַריינשרייבן אינעם "האָום-אָונערס פאַליסי" פון די "קאָנדאָמיניום באָורד".

ביים קויפן אַ חפצים פייער אינשורענס פאַליסי מוז מען זיך גוט נאָכפרעגן ביים אינשורענס אַגענט וואָס עס דעקט. מען דאַרף אינאַכט נעמען אַז מען קען נישט קומען זאָגן פאַר די אינשורענס פירמע, ביים קאַסירן אַ קלעים, אַז מען האָט געהאַט זילבערוואַרג פון $10,000; צירינגען אין ווערד פון $5,000; קליידונג אין ווערד פון $10,000; מעבל אין ווערד פון $15,000; ועוד ועוד. דאָס איז אַלעס אמת ביי אידישע הייזער, אָבער די חפצים פייער אינשורענס פירמעס צאָלן אויס לויט אַ באַשטימטן סקעדזשול וואָס זיי פאַרמאָגן: כך וכך פאַר קליידונג, כך וכך פאַר צירינג און זילבערוואַרג, און כך וכך פאַר אַפּלייענסעס.

דערפאַר איז וויכטיג אַז אויב מען האָט טייערע זאַכן, (און ווער האָט נישט), אַז מען זאָל אַראָפּרופן אַן אַדזשאַסטער און פאָטאָגראַפירן אַלעס וואָס מען האָט און דאָס אַלעס אַריינשרייבן אין די פאַליסי (עס וועט מעגליך קאָסטן מער), און די דאָקומענטן אַוועקלייגן אין אַ פאַרזיכערט אָרט, אין אַ באַנק דעפּאָזיט באַקס וכדומה, כדי צו קענען קאַסירן געהעריג די שאָדנס אין פאַל פון אַ שריפה - עס זאָל זיך נישט מאַכן.

אויך איז ביי הויז אייגענטומער פייער אינשורענס וויכטיג צו אינאַכט נעמען אַז אויב מען בויט צו אַן עקסטענשאָן אָדער מען מאַכט אַנדערע טוישונגען, איז דאָס נישט אויטאָמאַטיש געדעקט דורכ'ן הויז אייגענטומער פייער אינשורענס פאַליסי, און מען מוזט דאָס בפירוש מוסיף זיין.

אין ליכט פון דאָס וואָס מיר האָבן געשריבן איז וויכטיג צו פאַרשטיין אַז אַ חפצים פייער אינשורענס פאַליסי פון $100 איז גאָר אַן אַנדערע סאָרט בריאה ווי אַ חפצים פייער אינשורענס פאַליסי פון $400, דערפאַר איז וויכטיג דאָס אַלעס דורכצורעדן מיט אַ פאַרלעסליכן אינשורענס אַגענט. ווי פאַרשטענדליך איז דאָס האָבן אַ $100 חפצים פייער אינשורענס פאַליסי נאָך אַלץ בעסער ווי גאָרנישט.

אַז איר באַטראַכט דעם בילד פאַרשטייט איר פאַרוואָס אינשורענס אַגענטן גיבן זיך נישט צופיל אָפּ מיט די סאָרט ביזנעס וועלכע איז אַסאַך קאָפּ-דריי און ווייניג פּראַפיטן.

אויך איז וויכטיג צו וויסן אַז ווען מען קויפט פייער אינשורענס פאַר די חפצים, איז אויך שייך צוצוקויפן צום אינשורענס פאַליסי אַ זייטיגן בענעפיט, נעמליך "רענטערס אינשורענס". ד.מ. אַז אין פאַל פון אַ שריפה רח"ל, וואָס דאַן מוז מען זיך אַריבערציען צו אַן אַנדערע דירה, צאָלט די אינשורענס פאַליסי אויס די רענט פאַר די גאַנצע צייט וואָס מען וואוינט אין די צייטווייליגע דירה ביז מען בויט איבער די הויז. טייל פאַליסיס צאָלן אויס די רענט פאַר אַ האַלב יאָר; אַנדערע צאָלן פאַר ביז אַ יאָר צייט.

נאָך אַ בענעפיט וואָס מען קען צולייגן צו חפצים פייער אינשורענס איז אַ בענעפיט צו קענען רענטן פורניטשער. נאָך אַ שריפה ל"ע, ווען מען ציהט זיך אַריבער אין אַ נייע דירה, מאַכט זיך אַז עס איז גינסטיגער אויף צייטווייליג צו דינגען מעבל, וואָרום די געהעריגע מעבל וואָס מען וויל זיך איינשאַפן וויל מען דאָך עס זאָל פּאַסן לויט'ן מאָס פון די אָפּגעברענטע דירה וואָס מען בויט איבער.

אָט דאָס קען מען אויך אַריינרעכענען אינעם חפצים פייער אינשורענס פאַליסי, אַז עס זאָל אויך דעקן די קאָסטן צו רענטן פורניטשער. עס זענען דאָ פילע פירמעס וואָס ספּעציאַליזירן זיך אין די געביט פון פאַרדינגען מעבל.

# נאטיצן פון "חברים"

## חברים מיטגלידער גייען דורך ספּעציעלע טרענירונגען וויאַזוי דורכצופירן זוך אקציעס אין וועלדער

### צו זיין בעז"ה גרייט על כל צרה של תבוא

די חברים אָרגאַניזאַציע האָט פאַר צוויי וואָכן צוריק אָרגאַניזירט אַ טרענירונג סעסיע, אין וועלכע די חשוב'ע געטרייע חברים וואָלונטירן האָבן זיך אויסגעלערנט די ספּעציעלע טעכניקן וויאַזוי דורכצופירן אַ פּראָפּעסיאָנאַלע ווירקזאַמע זוך אַקציע אינפאַלס עמיצער ווערט פאַרלוירן אין אַ וואַלד.

דערמיט האָט די אָרגאַניזאַציע גענומען אַ שריט פאָראויס, צו קענען בעסער און ווירקזאַמערער העלפן אידן אין פאַל פון נויט.

גראַדע דאָהי אין קרית יואל מאַכט זיך נישט קיין סאַך אַז מענטשן שפּאַצירן אַריין אין וואַלד און ווערן פאַרלוירן, אָבער זומער מאַכט זיך אָפט אין די קעטסקילס, קאָנטריס, קעמפּס און באָנגעלאָו קאָלאָניעס, אַז גרופּעס מענטשן אָדער יחידים כאַפּן אַ שפּאַציר אין וואַלד און ווערן ל"ע פאַרלוירן, און עס ווערט אַן עמוירדזשענסי פאַל. רוב מאָל ביי די פעלער רופט מען אַריין די חברים אָרגאַניזאַציע פון קרית יואל צוצוהעלפן די אידישע עמוירדזשענסי אַגענטורן אין די קעטסקילס מיט'ן זוך.

עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט במשך די יאָרן אַז זוכן אין וואַלד איז נישט קיין פּשוט'ע זאַך, מען דאַרף וויסן וויאַזוי עס צוטאָן סיי אַז מען זאָל גוט דורכזוכן דעם וואַלד און טאַקע טרעפן דעם געזוכטן, און סיי אַז מען זאָל אַליינס נישט ווערן קיין קרבן און פאַרלוירן ווערן. אַ וואַלד איז געדיכט און צומושענד, און נאָך אַ קורצע ווײַלע ווערט מען דיסאָריענטירט. מען פאַרלירט דעם גאַנצן חשבון פון וועלכע דירעקציע מען איז געקומען, און וואו מען גייט.

זוכן אין וואַלד איז נישט קיין קאַטשע-לאַפּניק אונטערנעמונג, עס האָט אַ סיסטעם און סטרוקטור. מען דאַרף צוטיילן דעם וואַלד אין זאָנעס און אין קוואַדראַנטן; צוטיילן די זוכער אין באַזונדערע גרופּעס; זיכער מאַכן אַז יעדע גרופּע האָט קאָמוניקאַציע, אַ מאַפּע, גענוג עסן און טרונקען און גענוג ערפאַרונג. דאַן דאַרף מען זיכער מאַכן דורכצוזוכן יעדן שטח פונעם וואַלד, און אַזוי קען מען האָפן צו טרעפן דעם געזוכטן און נישט אַליינס צו ווערן אַ פאַרלוירענער.

דער נויט צו ווערן געהעריג טרענירט איז אַרויסגעקומען ביים טרויעריגן אינצידענטן עטליכע יאָר צוריק ווען אַ איד איז פאַרשוואונדן געוואָרן אין אַ וואַלד אין ניו העמפּשיער. דאַן זענען הונדערטער וואָלונטירן פון קרית יואל אַראָפּגעפאָרן צו העלפן מיט די זוכונגען, אָבער זיי זענען נישט אַריינגעלאָזט געוואָרן זוכן דורך די פאָרעסט רעינדזשערס.

עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַ קאָמיש בילד, אַז בשעת הונדערטער אינגעלייט זענען געשטאַנען פאַרוויטאָגט ביים ברעג פונעם וואַלד ווילנדיג ראַטעווען דעם איד, און מען האָט זיי נישט אַריינגעלאָזט, זענען אַנדערע לאָקאַלע יוגענטליכע יאָ אַריינגעלאָזט געוואָרן, נאָכדעם וואָס זיי האָבן געוויזן עפּעס אַ קאַרטל.

"וואָס איז דער קאַרטל וואָס עפענט אַלע טירן און טויערן?" האָט מען זיך נאָכגעפרעגט, עס האָט זיך עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז ביי אַן אָפיציעלן זוכונג וואָס ווערט אָנגעפירט דורך די סטעיט פאָרעסט רעינדזשערס ווערן פרעמדע פאַרשוינען נישט אַריינגעלאָזט אין וואַלד, סיידן אַז מען האָט אַ קאַרטל אַז מען איז דורכגעגאַנגען די נויטיגע טרענירונגען אין די "סוירטש ענד רעסקיו" טעכניקן בנוגע אַ וואַלד זוך אַקציע.

דערפאַר האָבן די חברים פירער איינגעזען פאַר נויטיג אַז די חברים וואָלונטירן זאָלן דורכגיין די טרענירונגען, די טרענירונגען זענען פאָרגעקומען אין די לעצטערע וואָכן.

מען האָט אַראָפּגעברענגט אַ סטעיט פאָרעסט רעינדזשער באַאַמטן, וועלכער האָט איבערגעגעבן די טרענירונגען. מען האָט דערפאַר אַ שטאַרקן דאַנק פאר די עסקנים וואָס האָבן דאָס אַראַנדזשירט, ובראשם ר' משה לייב וויטריאָל הי"ו, פירער פונעם ווילידזש פּאָבליק סעיפטי דעפּאַרטמענט. אויך האָט מען באַדאַנקט דעם חשוב'ן חברים מיטגליד, ר' דוד וואָלף עקשטיין הי"ו, דער חברים מיטגלידער נומער 38, וועלכע איז געווען שטאַרק אינסטרומענטאַל דאָס צו אַרלעדיגן.

די טרענירונגען זענען געווען צוטיילט אין צוויי פאַזעס, איינע איז געווען די קלאַס-רום לעקציעס וואו מען האָט מונדליך איבערגעגעבן די טרענירונגען, די אַנדערע סעסיע איז געווען אַ פעלד סעסיע וואו די איבער 40 חברים מיטגלידער וואָס האָבן זיך באַטייליגט אין די טרענירונגען זענען אַרויס אויפ'ן פעלד, און מען האָט אויסגעפירט למעשה דאָס וואָס מען האָט זיך געלערנט אין קלאַס.

מען האָט טאַקע אויסגעדרוקט אַ שטאַרקן הכרת הטוב פאַר ר' יושע בלומענטאל דער באַגאַבטער פירער פונעם מצילי אש פייער אַגענטור, וועלכע האָט בחפץ לב איבערגעגעבן איר טרענירונג זאַל אינערהאַלב דעם מצילי אש פייער דעפּאַרטמענט הויפּטקוואַרטיר צענטער, וואָס דאָרטן זענען פאָרגעקומען די טרענירונגען. ותשואות חן חן לו.

די ניו יאָרק פאַרעסט רעינדזשער באַאַמטע האָבן אויסגעדרוקט גרויס צופרידנהייט פונעם הצלחה פונעם קלאַס, און זענען געווען ערשטוינט און איבערגענומען פון די איידעלע רעספּעקטפולע באַנעמונג וואָס זיי האָבן באַקומען פון די חסידישע קרית יואל'ער אינגעלייט, וועלכע האָבן געשאַפן אַ געוואַלדיגן קידוש השם מיט זייער אויפפירונג אין קלאַס. זיי האָבן אָנגעוויזן אַז ביי די גויאישע וועלט וואו עס הערשט אַ אום-דרך ארץ נעמט אַזאַ קלאַס פיר שעה, נישט די צוויי שעה וואָס עס האָט געדויערט דאָהי אין קרית יואל.

ביי די פּאַקטישע פּראַקטיקן סעסיע וואָס איז פאָרגעקומען 2 וואָכן נאָכ'ן קלאַס סעסיע זענען די אינגעלייט אַרויס אויפ'ן פעלד אינעם אָראַנדזש קאַונטי פּאַרק אויף מאַונטעין ראָוד, און מען האָט זיך געאיבט למעשה דורך אַרויסשיסן ווייסע פלעירס אינעם וואַלד אַריין און מען האָט דאָס געדאַרפט אויפזוכן. און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז טראָצדעם וואָס עס איז געווען אַ שניי און די פלעירס זענען געווען ווייס קאָלירט האָט מען זיי געפונען. און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז די אינגעלייט האָבן זיך גוט דערלערנט דעם פאַך פון זוכן אין וואַלד.

## חברים העלפט אָפּראַטעווען אויסלענדישן בחור וואָס איז דאָהי געקומען נאָך געלט

די חברים מיטגלידער האָבן באַוויזן אַרויסצוהעלפן אַ איד אין אַ נויטפאַל וואָס האָט זיך געהאַנדעלט מיט אַן עלנדן ארץ ישראל'דיגן בחורל וועלכע איז דאָ געקומען נאָך געלט לצורך הכנסת כלה.

עס האָט פּאַסירט עטליכע וואָכן צוריק, אַ דאָנערשטאָג נאַכט, בשעת עס האָט דאָהי געהערשט ביטערע פראָסטן פון בלויז צען דעגרי. עס האָט זיך אָנגעהויבן ווען אַ איד אין באָראָ פּאַרק, אַ בעל חסד ולב טוב, וועלכער איז אַ קרוב מיט'ן בחור'ל, האָט זיך מתנדב געווען אַרויסצוקומען קיין קרית יואל און אַרומגיין מיט אים נאָך געלט.

דיביידע האָבן זיך אָפּגעשמועסט אַז מען וועט זיך טרעפן ביים ווינקל פון סאַטמאַר דרייוו און העיס קאָורט. עס איז געקומען די באַשטימטע צייט ביינאַכט, און די ביידע האָבן זיך געטראָפן. אינצווישן האָט דער איד פון באָראָ פּאַרק געזאָגט דעם בחור'ל אַז ער גייט אַריין אַ ווײַלע אינעם דערנעבנדיגן גראָסערי געשעפט איינצוקויפן אַ קלייניגקייט און ער זאָל אים צוואַרטן.

דער איד איז אַריין אין געשעפט און האָט געקויפט, און איז צוריק אַרויסגעקומען, און אָט, הילד איננו, דער בחור'ל איז נישטאָ, פאַרשוואונדן געוואָרן.

דער איד האָט זיך גענומען זוכן אַהער און אַהין, ער איז געווען שטאַרק באַזאָרגט פאַר'ן וואוילזיין פונעם עלנדן בחור'ל, וויסנדיג אַז ער האָט קיינעם נישט דאָ אין שטאָט. עס האָט זיך אַזוי פאַרצויגן פאַר אַ שעה צייט, און דער איד איז שוין געוואָרן גאָר פאַרצווייפעלט און באַזאָרגט, אָבער האָט בשום אופן נישט געקענט טרעפן די אבידה.

זייענדיג אין נויט האָט ער אָפּגעשטעלט אַ איד און געמאָלדן דעם פּראָבלעם, יענער האָט אים געראָטן צו רופן די חברים אָרגאַניזאַציע. ווען די חברים וואָלונטירן האָבן געהערט פונעם פּראָבלעם זענען זיי אַריבערגעקומען אויפ'ן אָרט און האָבן אָרגאַניזירט אַ זוך אַקציע, טראָץ די פינסטערניש פון די נאַכט און די שווערע פראָסטן.

עס האָט נישט גענומען קיין לאַנגע ווײַלע און מען האָט בעזרת השם געטראָפן דעם בחור'ל גייענדיג ביי איינע פון די הייזער. עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז ער איז געוואָרן פאַרלוירן און נישט טרעפנדיג זיין שותף פון באָראָ פּאַרק, האָט ער זיך גענומען גיין ביי די טירן פון די הייזער נאָך געלט.

די אידן זענען געווען שטאַרק דערפריידט אַז מען האָט זיי געהאָלפן אין זייער צרה, און זענען זיך געגאַנגען צו זייער וועג, און אינעם חברים בוך איז פאַרשריבן געוואָרן אַ פרישער פאַל ווען מען האָט געהאַט די זכיה צו העלפן אידן אין פאַל פון נויט.

## אַ נייער חידוש אויפ'ן געביט פון העלפן אידן: די אינטערסטעיט חברים גרופּע

אין די לעצטע 12 מאָנאַטן האָט זיך געגרינדעט אַ נייעם פליגל פון די חברים אָרגאַניזאַציעס בכל מקומות מושבותיהם, דאָס רופט זיך אינטערסטעיט חברים. דער ציל דערפון איז צו העלפן מענטשן אין פלעצער וואו עס איז נישטאָ קיין לאָקאַלע חברים.

ווער זענען די מיטגלידער דערינען? די מיטגלידער זענען סתם חברים מיטגלידער פון אַלע לאָקאַלן, וועלכע קענען זיך אויך אָנשליסן צום אינטערסטעיט חברים סיסטעם.

וואָס דינט די חברים אינטערסטעיט גרופּע? דער נייער סיסטעם איז געמאַכט ווען עמיצער האָט אַ פּראָבלעם און איז נישט אין קרית יואל, מאָנסי, וויליאַמסבורג, אָדער אין די אַנדערע ערטער וואו עס איז דאָ לאָקאַלע חברים גרופּעס. צב"ש אַז עמיצער איז אויפ'ן ניו דזשערזי 17, און זוכט הילף, איז די פראַגע, וועמען זאָל ער רופן.

דער ענטפער, לויטן נייעם סיסטעם, אַרבעט דאָס ווי פאָלגענד. אַז עמיצער איז אויף אַזאַ מקום און דאַרף הילף, דאַרף ער אַריינרופן זיין לאָקאַלע חברים אָרגאַניזאַציע, צב"ש אַ קרית יואל'ער איד זאָל אַריינרופן צו די קרית יואל חברים, און די קרית יואל חברים וועט אַרויסגעבן דעם קאָל צום אינטערסטעיט חברים סיסטעם.

וואָס פּאַסירט ווייטער? דער רוף גייט אַרויס צו אַלע חברים מיטגלידער וואָס זענען אויפ'ן אינטערסטעיט חברים סיסטעם, און דאָס ערמעגליכט אַז אויב זיי זענען נעבן דעם אָרט וואו דער איד דאַרף הילף קען מען אים גלייך העלפן.

אינעם קורצן יאָר וואָס דער אינטערסטעיט חברים סיסטעם איז אין פלאַץ האָט זיך דאָס אַרויסגעשטעלט צו זיין אַ געוואַלדיגע זאַך צו העלפן אידן. מען האָט שוין אַריינבאַקומען קאָלס פון גאַנץ אַמעריקע, און פילמאָל האָט מען מיט השגחה פּרטיות באַוויזן צו העלפן אידן אין קוים פינף מינוט.

אַ ביישפּיל פון השגחה פּרטיות: בלויז פאַרגאַנגענע וואָך איז פאָרגעקומען אַן אינצידענט אין די דזשעקסאָן הייטס געגענט אין ניו דזשערסי נעבן דעם דזשאָרדזש וואַשינגטאָן בריק.

עס איז אַריינגעקומען צו חברים אַ רוף איבער צוויי קינדער וועלכע זענען איינגעשפּאַרט אין אַ קאַר. מען האָט אַרויסגערופן די אָרטיגע הצלה, אָבער זיי האָבן נישט געהאַט די פּאַסיגע געצייג צו עפענען דעם פאַרשפּאַרטן קאַר פונעם אויטאָ.

בחסדי השם איז נישט ווייט פון דאָרטן געווען אַ חברים מיטגליד, וועלכער האָט באַקומען דעם רוף דורכ'ן אינטערסטעיט חברים סיסטעם, און איז אָנגעקומען דאָרטן, און אַדאַנק דעם וואָס ער האָט געהאַט די פּאַסיגע כלים, נעמליך אַ קאַר לאַק-אַוט קיט, האָט מען געקענט פלינק עפענען דעם פאַרשפּאַרטן קאַר און באַפרייען די קינדער אָן ברעכן פענסטער און מאַכן מהומות.

פאַרגאַנגענעם זומער איז געווען אַ געשיכטע מיט אַן אָרטאָדאָקסישע פרוי פון קליוולאַנד, אָהייאָ, וועלכע האָט געדרייווט איר אויטאָ מיט זעקס קינדערלעך, אין ריכטונג פון ניו יאָרק. זייענדיג אונטערוועגנס אין פּענסילוועניע האָט פּאַסירט אַ פּאַנטשער, און די אויטאָ איז איבערגעהיצט געוואָרן. דער קאָל איז דורך די אינטערסטעיט חברים סיסטעם אָנגעקומען צו די קרית יואל חברים, וועלכע האָבן דורכ'ן טעלעפאָן געאַרבעט אַרויסצוהעלפן די פרוי, פלאַצירן איר און די קינדער אין אַ האָטעל, ביז מען האָט געקענט מאַכן אַראַנדזשירונגען אַז זי זאָל קענען פאָרזעצן איר וועג.

דערפאַר איז דאָס וויכטיג צו וויסן: היות עס קומט דער חול המועד פּסח, און אידן פאָרן אין פאַרשידענע פּאַרקס, איז אויב עס מאַכט זיך אַז מען ווערט אויסגעשפּאַרט פון אויטאָ אָדער אַן אַנדערער חברים סאָרט עמוירדזשענסי, זאָל מען רופן די לאָקאַלע חברים, וועלכע קען אַרויסגעבן דעם קאָל צום אינטערסטעיט חברים סיסטעם, און פילמאָל טרעפט מען אַ חברים מיטגליד וועלכער איז אויך אויפ'ן זעלבן אָרט און קען העלפן.

KIRYAS JOEL UNION FREE SCHOOL DISTRICT
48 Bakertown Road, Suite 401 Monroe, NY 10949 • (845) 782-2300 / Fax (845) 782-4176

בס"ד

# באס טראנספארטאציע זיכערהייט אנווייזונגען

## ונשמרתם מאוד לנפשותיכם:
## גיבט אכטונג אויפ'ן זיכערהייט פון אייערע קינדער!

### עלטערן דארפן וויסן אז:

- וועו מען באגעגנט זיך מיט א סקול באס ווועמענ'ס רויטע לעמפלעך בלינקען, **מוזן די קארס פון אלע ריכטונגען זיך אפשטעלן און ווארטן ביז די רויטע לייטס ווערן אויסגעלאשן.** מען דארף זיך אפשטעלן גענוג ווייט אז די קינדער זאלן קענען אדורכגיין זיכערערהייט. דער געזעץ איז נישט קיין קינדער שפיל נאר געצילט צו פארמיידן פון א סכנה! נעמט אין אכט אז מ'קען זיך רח"ל שפילן מיט'ן לעבן פון טייערע אידישע קינדערלעך!
- **אויב דאס קינד קען שוין נישט צייטליך אנקומען צום באס סטאפ, זאל מען בכלל נישט אהינשיקן דאס קינד, ענדערש פארשפעטיגן דעם באס ווי ערגערס ח"ו. די דרייווערס זענען אנגעזאגט געווארן נישט אויפצונעמען א קינד וואס לויפט נאך דעם באס.**
- ביי קלענערע קינדער איז וויכטיג אז די עלטערן זאלן ווארטן מיט די קינדער ביים באס צופרי און אפווארטן ביים אהיימקומען.
- וועו מען רופט אריין מאכן א טויש פאר א קינד'ס סטאפ, מאכט שפעטער זיכער אז דאס קינד איז טאקע אנגעקומען אויפ'ן נייעם פלאץ וואו איר האט געהייסן אים שיקן.

### עלטערן דארפן אנזאגן די קינדער אז:

- ווארטנדיג אויפ'ן באס טאר מען נישט שטיין ביים עק סיידוואלק, און זיכער נישט אויפ'ן ראוד חלילה.
- וועו דער באס קומט אן צום באס סטאפ, טאר מען נישט צוגיין צום באס ווילאנג דער באס קומט נישט צו א געגצליכער אפשטעל און עפנט די טיר.
- וועו מען קראָסט אריבערצוגיין צום באס, מוז מען גוט קוקן פון אלע זייטן צי עס קומען נישט קיין קארס און אזוי אריבערגיין (און נישט זיך פארלאזן אז די קאר וועט זיכער סטאפן).
- אויב עס פאלט עפעס אראפ נעבן באס, טאר מען עס בשום אופן נישט אויפהייבן פאר מען מעלדט נישט פארן דרייווער אז מען וויל עפעס אויפהייבן נעבן דעם באס [און דאס איז פונקט אזוי וויכטיג פאר די עלטערן זעלבסט].
- ביים אריבערגיין דעם באס זאל מען גיין גענוג ווייט פארנט פונעם באס אז מען זאל קענען זען דעם דרייווער'ס אויגן - און אזוי וועט דער דרייווער דיך אויך קענען זען.
- וועו מען קומט אהיים פון חדר/סקול מוז מען קודם אריינקומען אין שטוב זאגן אז מען איז אהיימגעקומען, און דערנאך קען מען צוריק ארויסגיין זיך שפילן.

# חוסו נא על עוללינו וטפינו!

## - טראנספארטאציע נומערן -

| טראנספארטאציע אפיס | סקעדזשול אינפארמאציע | עמוירדזשענסי נומער |
|---|---|---|
| (נישט פאר עמוירדזשענסי) | ת"ת ובית רחל - **(845) 414-0099** | (צב"ש א קינד איז נישט אנגעקומען אהיים) |
| **782-3687** | שערי חמלה - **782-7510 #282** | **782-2300 EXT 123** |

## גאָר וויכטיג זיך צו רוקן אין די זייט ווען "חברים" וואָלונטירן אַרבעטן אויפ'ן ראָוד

פאַר עטליכע וואָכן צוריק איז פאָרגעקומען אַן אומגליקספאַל אין די שטאָט לעיקוואָוד, ווען אַ חברים מיטגליד פון לעיקוואָוד וועלכער האָט געאַרבעט ביים זייט פונעם שאָסיי צו העלפן אַ איד מיט אַ פלעט טייער, איז אַראָפּגעקלאַפּט געוואָרן דורך אַ היט ענד ראָן דרייווער, וועלכער איז אַנטלאָפן פונעם אָרט. (מען האָט אים שוין זינט דאַן געכאַפּט). דער חברים מיטגליד איז קריטיש פאַרוואונדעט געוואָרן אָבער איז שוין אַרויס פון געפאַר און ערהוילט זיך ב"ה.

דאס האָט אַרויסגעברענגט דעם פאַקט אַז חברים מיטגלידער שטעלן זיך איין דאָס לעבן ביים אַרבעטן אויפ'ן שאָסיי. די רעגירונג האָט דאָס שוין אַנערקענט און האָט עטליכע מאָנאַטן צוריק אויסגעברייטערט דעם "מאָוו-אָווער" געזעץ — וואָס פאַרלאַנגט זיך צו רוקן אין די זייט ביים זען אַמבולאַנסן אָדער פּאָליציאַנטן ביים זייט פונעם שאָסיי ביי אַ הילף סצענע — אַז דאָס נעמט אויך אַריין טאָואינג טראָקס, העלפּ טראָקס און סיי ווער מיט אַן אָראַנדזשע לאָמפּ וואָס שטעלט זיך אָפּ העלפן אַן אויטאָ וואָס איז געשטראַנדעט אויפ'ן שאָסיי.

דאָס מיינט אַז ווען מען זעט אַ חברים אויטאָ אָפּגעשטעלט ביים זייט פונעם שאָסיי ביי אַ הילף סצענע דאַרף מען זיך געזעצליך רוקן אין די זייט. דאָס איז אַ חיוב על פּי תורה, ווייל דאָס דורכפאָרן שנעל מיט'ן אויטאָ בשעת די חברים מיטגלידער אַרבעטן אויפ'ן סצענע שטעלט זיי אין געפאַר. אויך איז דאָס אַ חיוב ע"פ דינא דמלכותא און די פּאָליציי קען דערפאַר געבן אַ טיקעט.

אויך איז וויכטיג, אַז ווען אַ מענטש איז געשטראַנדעט אויפ'ן שאָסיי, זאָל ער באַגרייפן אַז ער איז אין אַ סכנה צושטאַנד און זאָל רופן הילף וואָס פריער, און אָנצונדן די העזערד לייטס מען זאָל אים באַמערקן פונדערווייטענס. אויך זאָל מען זיכער מאַכן זיך אַריינצורוקן וואָס מער צום זייט פונעם שאָסיי כדי זיך און די חברים מיטגלידער אויסשטעלן צו וואָס ווייניגער געפאַרן.

## 5 פרישע מיטגלידער אויפגענומען געוואָרן אין די נאָבעלע "חברים" אָרגאַניזאַציע

"חברים" האָט אין די לעצטע וואָכן אַריינגענומען פינף נייע מיטגלידער אַלס "חברים" אין די "חברים" אָרגאַניזאַציע, אַרויסצוהעלפן מיט די עבודת הקודש פון העלפן אידן.

די חברים אָרגאַניזאַציע איז כמעט אַ יחיד במינה מיט די צאָל קאָלס וואָס זי דעקט יעדן חודש. חברים דעקט איבער 500 קאָלס אַ חודש, און אַז מען רעכענט אַז מען האָט בערך 80 מיטגלידער, מיינט דאָס אַז יעדער מיטגלידער מוז דעקן מינימום 14 קאָלס אַ חודש (ווייל ביי יעדן קאָל גייען אַ מינימום פון צוויי מעמבערס).

ווי פאַרשטענדליך איז דאָס בלויז אַן עווערידזש חשבון, אָבער אין רעאַליטעט איז דאָס אַנדערש, און די קאָלס ווערן געדעקט פאַרשידנאַרטיג. טייל מער ענערגישערע חברים מיטגלידער נעמען אויף זיך מער קאָלס, אַנדערע נעמען ווייניגער לויט זייער יכולת און צייט-מעגליכקייט, אָבער די אונטערשטע שורה איז אַז איבער 500 קאָלס ווערן געדעקט יעדן חודש.

דערפאַר האָט זיך געשפּירט אַ נויט אויפצונעמען נאָך פרישע כוחות אַרויסצוהעלפן אין די אַרבעט, און אָט האָט מען געפונען פינף פרישע אינגעלייט, וועלכע זענען גאָר ענערגיש און גאָר טרענירט אין הלכות גמילות חסדים, און דערפאַר זענען זיי אַריינגענומען געוואָרן אַלס פרישע מעמבערס אין די חברים אָרגאַניזאַציע.

די פרישע פינף חשוב'ע מיטגלידער זענען די חשוב'ע אינגעלייט כל אחד מהם בשמו הטוב יבורך: ר' משולם פייש עקשטיין הי"ו; ר' יצחק ליכטענשטיין הי"ו; ר' משה שמואל סאַנדל הי"ו, ר' יואל מרדכי אינדיג הי"ו און ר' מרדכי לייב מאַרקאָוויטש הי"ו.

יעצט איז אויף די חברים אָרגאַניזאַציע געפאַלן דעם עול אויסצושטאַטן די נייע חברים מיטגלידער מיט די נויטיגע געצייג צו קענען אָנגיין מיט די עבודת הקודש, נעמליך אַ ראַדיאָ, אַ בוסטער קיט, אימפּעקט רענטש, לאַק-אַוט קיט, וכדומה, וואָס דאָס קומט אויס צו $1,500 פּער מאַן. דאָס געלט פאַר די טולס ווערט צוזאַמגעשטעלט ביים יערליכן חברים ראַפל קאַמפּיין, און דערפאַר קוקט מען שטאַרק אַרויס אַז דער ציבור זאָל זיך וואַרעם אָנרופן ביים יערליכן חברים ראַפל קאַמפּיין, וואָס די געלט גייט אויסצושטאַטן די חברים מיטגלידער מיט די נויטיגע געצייג.

## אַרויסגעשלעפּט טראָקס און קאַרס פון די שניי

חברים איז אַלץ טעטיג, אָבער די לעצטיגע שניי שטורעמס האָבן צוגעגעבן צו די אַרבעט פון חברים. די אָרגאַניזאַציע האָט זיך געמוזט באַפאַסן מיט אַסאַך רופן פון אידן וועלכע האָבן זיך אַריינגעגליטשט אין די שניי און האָבן געמוזט אַרויסגעשלעפּט ווערן דורך די חברים מיטגלידער. דאָס מיינט אַז אידן האָבן זיך געשפּאָרט טויזענטער דאָלאַרן וואָס עס וואָלט זיי אָפּגעקאָסט ווען זיי דאַרפן ווען רופן אַ טאָואינג טראָק.

חברים ווייכט נישט אָפּ אפילו פון גרעסערע פעלער, וואָרום זי איז אַן ערפאַרענע אָרגאַניזאַציע וואָס קען זיך ספּראַווען מיט גרעסערס. צב"ש איז געווען ווען ביי איינע פון די לעצטיגע שנייען איז אַ 24 פוסיגער טראָק אַריינגעפאָרן אינעם לאַט ביים קאָרנער פון עיקרס און פאַרעסט ראָוד, וואָס די חברים מיטגלידער האָבן אַראָפּגעברענגט דעם חברים טראָק און אַרויסגעשלעפּט דעם טראָק פונעם שניי, און אַזוי אַרום פאַרשפּאָרט דעם איד פון דאַרפן רופן אַ טאָואינג טראָק און אַוועקצאָלן שווערע געלטער.


VILLAGE OF KIRYAS JOEL
Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

Mayor
Abraham Wieder
Administrator-Clerk
Gedalye Szegedin

Trustees
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman

-קאמיוניטי סערוויס דעפארטמענט-

לתועלת הרבים!

מיר ווילן מודיע זיין פאר'ן חשוב'ן ציבור אז עס איז דא א ספעציעלע נומער
וואו איר קענט אריינרופן איבערקוקן צו אייער לייסענס איז אין ארדענונג

די נומער איז:
518-474-0841
מען קען רופן דעם נומער פון מאנטאג ביז פרייטאג פון 8:00 אינדערפרי ביז 4:00 נאכמיטאג.

עס איז וויכטיג צו וויסן! עס מאכט זיך אפט אז מען האט פראבלעמען מיט די לייסענס און מען ווייסט נישט דערפון;
זייט געווארענט! דרייוון מיט סוספענדירטע לייסענס איז אומלעגאל, די פאליציי קען ארעסטירן דערפאר און אוועקנעמען דעם קאר

די קאמיוניטי סערוויס דעפארטמענט



VILLAGE OF KIRYAS JOEL
Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

Mayor
Abraham Wieder
Administrator-Clerk
Gedalye Szegedin

Trustees
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman

דערמיט ווילן מיר מעלדן אז דער

"היעפ" פראגראם

פון היי יאריגן ווינטער

סיי די "רעגולער היעפ" און

סיי די "עמוירדזשענסי היעפ"

ענדיגט זיך

פרייטאג — March 15

- א חודש פריער ווי געווענליך -

צו אפלייען רופט: 291-2002 x1

פאר מער אינפארמאציע רופט אין ווילדזש אפיס:
783-8300 Ext. 2

מיט דאנק, דער ווילדזש

# VILLAGE OF KIRYAS JOEL
## BUS TRANSPORTATION SCHEDULE
(845) 783-8300 x14

## LOCAL ROUTE

**The route operates Monday through Thursday:** from 9:00 AM until 6:30 PM
**Friday:** from 9:00 AM until 1:00 PM - **Summer Months:** until 2:00 PM
**Sunday Winter Months:** from 10:00 AM until 6:30 PM
**Sunday Summer Months:** from 11:00 AM until 6:30 PM
**Number on side indicates time of bus passing at that location**

### ODD HOURS
**9:00-11:00-1:00-3:00-5:00**

- Toltchav by Dinev :00
- Kahan by I. Zupnick
- I. Zupnick by Acres
- Acres by Satmar
- Satmar by Hayes
- Satmar by Krolla
- Forest by Mountain :05
- Forest by Senior Citizens
- Keren Vayoel Moshe
- Shopping Center :09
- Forest by Quickway
- Rimenev by Quickway :10
- Van Buren by Garfield
- Garfield by Hayes
- Schunnemunk by Forest
- Liznsek (Drop Off)
- Koznits
- D.A. Wieder :15
- Seven Springs
- Mountain View
- Ruzhin
- Krakow :20
- Mezabish
- Nickelsburg & Tzfas :23
- Chevron (Aishes Chayil)
- Taitch :25
- Volova & Sasev
- Mountain & Karlin
- Shopping Center :35
- Garfield
- Forest by Senior Citizens
- Forest by Mountain
- Acres - Krolla
- Acres & Lemberg :38
- Acres - Satmar
- Zupnick
- Meron by Kahan :40
- Meron (Filmore-Kalev Short cut)
- Leipnik & Tevrya
- Bussines Center :42
- Girl's School - I. Zupnick
- Kahan by I. Zupnick :45
- I. Zupnick by Acres
- Acres by Satmar
- Satmar by Hayes
- Satmar by Krolla :48
- Acres by Forest
- Shopping Center :00

### EVEN HOURS
**10:00-12:00-2:00-4:00-6:00**

- Shopping Center :00
- Forest by Quickway
- Rimenev by Quickway
- Van Buren by Garfield
- Garfield by Hayes
- Taylor by Boy's School
- Hayes by Forest :05
- Forest by Senior Citizens
- Forest by Mountain
- Krolla by Satmar
- Satmar by Hayes
- Satmar by Acres :09
- Acres by Israel Zupnick
- Getzel Berger
- Meron (Filmore-Kalev Short cut) :10
- Leipnik & Tevrya
- Bussines Center :13
- Israel Zupnick by Kahan :15
- Israel Zupnick by Acres
- Acres by Lemberg
- Acres by Krolla
- Mountain & Karlin
- Sasev & Volova :18
- Taitch
- Chevron (Aishes Chayil) (Drop Off) :20
- Nickelsburg & Tzfas
- Mezabish
- Krakow :25
- Ruzhin
- Mountain View
- Seven Springs
- D.A. Wieder :30
- Koznits by Schunnemunk
- Keren Vayoel Moshe
- Shopping Center :40
- Rimenev by Quickway
- Van Buren by Garfield
- Garfield by Hayes
- Forest by Acres
- Satmar by Krolla :45
- Satmar by Hayes
- I. Zupnick by G. Berger :48
- Getzel Berger
- Kahan by I. Zupnick
- Toltchav by Dinev :00

## WALMART ROUTE
### TOWN ROUTE

**The route operates Monday through Thursday:** from 10:00 AM until 7:15 PM
**Friday:** from 10:00 AM until 2:00 PM **Summer:** 3:00
**Sunday:** from 11:00 Am until 6:00 PM
**Number on side indicates time of bus passing at that location**

### ODD HOURS
**11:00-1:00-3:00-5:00-7:00**

- Shopping Center :00
- Forest by Quickway
- Rimenev by Quickway
- Van Buren by Garfield
- Garfield by Hayes
- Taylor by Boy's School (Drop Off)
- Hayes by Forest :05
- Forest by Senior Citizens
- Forest by Mountain
- Forest by Acres
- Krolla by Satmar
- Satmar by Hayes
- Satmar by Acres :08
- Acres by Israel Zupnick
- Israel Zupnick by Kahan
- Girl's School-Bakertown
- Toltchav by Dinev :13
- Park & Ride :15
- Target :18
- Wal-Mart :20
- Spring St.
- Main by Franklin St.
- D.A. Wieder :30
- Schunnemunk
- Keren Vayoel Moshe
- Shopping Center :40
- Seven Springs
- Mountain View
- Ruzhin
- Krakow
- Mezabish
- Nickelsburg & Tzfas :45
- Volova & Sasev
- Mountain & Karlin
- Acres
- Acres & Lemberg :48
- Bakertown
- Toltchav by Dinev :00

### EVEN HOURS
**10:00-12:00-2:00-4:00-6:00**

- Toltchav by Dinev :00
- Israel Zupnick
- I. Zupnick by Kahan
- I. Zupnick by Acres
- Acres by Satmar
- Satmar by Hayes
- Satmar by Krolla
- Acres by Forest
- Forest by Mountain :05
- Mountain & Karlin
- Sasev & Volova
- Taitch
- Chevron (Aishes Chayil)
- Nickelsburg & Tzfas
- Mezabish
- Krakow :08
- Ruzhin
- Mountain View
- Seven Springs
- Schunnemunk
- Keren Vayoel Moshe
- Shopping Center :15
- Van Buren by Garfield
- Rimenev by Quickway
- Forest by Quickway
- Forest by Preshburg
- Forest by D.A. Wieder :16
- 17-M
- Lake Rd. (Drop Off)
- Stage Rd.
- Spring St.
- Target :27
- Wal-Mart :30
- Toltchav by Dinev (Drop Off)
- Meron-leipnik :40
- Kahan by Israel Zupnick :45
- Israel Zupnick by Acres
- Acres by Satmar
- Satmar by Hayes
- Satmar by Krolla
- Acres by Forest :50
- Forest by Mountain
- Forest by Senior Citizens
- Shopping Center :00

## WOODBURY COMMON

**The route operates Monday through Thursday:**
from 9:15 AM until 6:20 PM
**Number on side indicates time of bus passing at that location**

### ODD HOURS
**9:30-11:30-1:30-3:30-5:30**

- Shopping Center :30
- Forest by Quickway
- Rimenev by Quickway
- Van Buren by Garfield
- Garfield by Hayes
- Hayes by Forest
- Forest by Senior Citizens
- Forest by Mountain :35
- Forest by Acres
- Krolla by Satmar
- Satmar by Hayes
- Satmar by Acres
- Acres by Israel Zupnick
- Israel Zupnick by Getzel Berger
- Getzel Berger
- Getzel Berger by Kahan :40
- Girl's School - Israel Zupnick
- Toltchav by Dinev :42
- Bakertown
- Park & Ride
- Dundenberg
- Rt. 32 (Drop Off)
- **Woodbury Common** :00
  (Shortline Bus Stop) on the Even hours
- Dundenberg
- Spring St.
- Main St
- Franklin Av.
- D.A. Wieder :11
- Toby
- Mountain View
- Ruzhin
- Krakow
- Mezabish
- Nickelsburg & Tzfas
- Chevron (Drop Off) :15
- Taitch
- Volova & Sasev
- Mountain & Karlin :18
- Forest
- Forest by Senior Citizens
- Shopping Center :30

### EVEN HOURS
**10:30-12:30-2:30-4:30**

- Shopping Center :30
- Forest by Quickway
- Forest by Preshburg
- D.A. Wieder :31
- Toby & Mountanview
- Ruzhin
- Krakow
- Mezabish
- Nickelsburg & Tzfas :35
- Chevron (Aishes Chayil)
- Taitch
- Volova & Sasev
- Mountain & Karlin
- Forest by Acres :38
- Krolla by Satmar
- Satmar by Hayes
- Satmar by Acres
- Acres by Israel Zupnick :40
- Israel Zupnick
- Kahan
- Meron (Filmore-Kalev Short cut)
- Leipnik & Teverya
- Park & Ride :42
- **Woodbury Common** :00
  (Shortline Bus Stop) on the Odd hours
- Dundenberg
- Park & Ride
- Lipnick & Teverya :06
- Meron (Filmore-Kalev Short cut)
- Kahan
- Israel Zupnick by Kahan
- Toltchav by Dinev :10
- Girl's School, Bakertown :15
- Israel Zupnick by Getzel Berger
- Acres by Israel Zupnick
- Satmar by Acres
- Satmar by Siget
- Satmar by Hayes
- Krolla by Satmar
- Forest by Acres
- Forest by Mountain :18
- Forest by Senior Citizens
- Shopping Center :30

# VILLAGE OF KIRYAS JOEL
## TRANSPORTATION DEPARTMENT
# טיקעט אינפארמאציע

**מיר ווילן נאכאמאל דערמאנען די חשוב'ע רייזענדע, אז מיר האבן צוגעשטעלט טיקעט ביכלעך**
**פאר'ן באקוועמליכקייט פון די רייזנדע, וואס וועט ערמעגליכן צו באקומען בעסערע פרייזן,**
**און נישט קיין חילוק וויפיל געלט איר האט וועט איר שטענדיג קענען באצאלן פאר א ביכל:**

**$2 פאר**
באקומט איר טשעינדזש 50 צענט טיקעט, וואס איר קענט נוצן קומענדיגע מאל מיט א דאלאר.

**$5 פאר**
באקומט איר א ביכל פון 3 טיקעטס און א 50 צענט טיקעט

**$10 פאר**
באקומט איר 2 פון די $5 ביכלעך

**$15 פאר**
באקומט איר א ביכל פון 11 טיקעט'ס. - ד.ה. אז איר באקומט איין טיקעט אומזינסט

**$20 פאר**
באקומט איר א $15 ביכל מיט א $5 ביכל ד.ה. אז איר באקומט איין טיקעט אומזינסט

**$30 פאר**
באקומט איר א ביכל פון 23 טיקעטס ד.ה. אז איר באקומט 3 טיקעטס אומזינסט




**קויפט א $30 ביכל**
און צאלט נאר
**$1.30 פער טיקעט**
$1.50 אנשטאט

אויב פארט איר קיין
**וואודבערי קאמען** אדער **וואל מארט**
דאן צאלט נאר
**$2.60** (2 טיקעט'ס)
**$3 אנשטאט**

**אכטונג!**
**מאכט זיכער אז איר באצאלט אייביג,**
**און איר בלייבט נישט שולדיג**
**און נישט מיט קיין קרעדיט**

מיט דאנק
**ווילדזש טראנספארטאציע דעפארטמענט**

# געדענקט:
**אז איר ווילט זיך שפארן $4.50,**
**קויפט די $30 ביכל,**
**וואו איר באקומט 3 טיקעטס אומזיסט.**

| וואודבארי-קאמען רוט/וואל-מארט רוט: |
|---|
| ערוואקסענע:.......................$3.00 |
| עלטערע/דיסעבעלד/מעדיקער באנוצערס און קינדער (פון 3 ביז 12): ..........$1.50 |
| קינדער אונטער 3 יאר..........................פריי |

| לאקעל רוט / טאון רוט: |
|---|
| ערוואקסענע:.......................$1.50 |
| עלטערע/דיסעבעלד/מעדיקער באנוצערס און קינדער (פון 3 ביז 12): ..........75 סענט |
| קינדער אונטער 3 יאר..........................פריי |

**אכטונג!**
דער דרייווער האט נישט צו געבן קיין טשעינדזש פון קיין שום סכום, בלויז טיקעט.
די ביכלעך קענט איר אליינס נוצן אדער אוועקגעבן פאר א צווייטן, און ס'עקספייערט נישט.

אין חגאות, אדער אין א שלעכטע וועטער
רופט: 2-4-1 783-8300
פאר סקעדזשול טוישונגען

# א בליק אין דעם נייעם קינדער פארק אויף לארקין דר.





די אויפגעשטעלטע שפילצייגן ביים מיידל פארק



די פארק פאר די קליינע קינדער מיט די מאמעס



א בליק פון דער הייעך אויף די מיידלעך פארקס



א גרויסער סענד באקס אין דעם פארק



ווערט געזען דער ספעציעלער וועג פאר
קערידזשעס ביים אריינגאנג פונעם פארק

# KIRYAS JOEL UNION FREE SCHOOL DISTRICT

48 Bakertown Road Suite 401• Monroe, NY 10950 • (845) 782-2300 / Fax (845) 782-4176


## חשוב׳ע איינוואוינער פון קרית יואל!

אזוי ווי מיר האבן לעצטנס ארייבאקומען עטליכע קאמפלעינטס
פון פארשידענע פעלער ווען דרייווערס זענען דורכגעפארן די סקול באסעס
ווען די רויטע לייטס זענען געווען אנגעצינדן.

**ווילן מיר נאכאמאל אויפמעקזאם מאכן דעם חשוב׳ן ציבור**

## אז דאס איז א שרעקליכע סכנה ה״י

אריבערפארן א סקול באס ווען די לייטס בלינקען איז אומלעגאל,
און מען קען פארלירן די לייסענס פארן פארלעצן דעם געזעץ.

**A new school year is beginning!**

**We are still receiving numerous complaints with respect to motorists who pass school buses when the school bus has their lights flashing. Passing school buses when the bus has flashing lights is dangerous and illegal!**

**מיט דאנק פאר אייער קאאפעראציע און פארשטענדעניש**

**די טראנספארטאציע דעפארטמענט**



# EZRAS CHOILIM HEALTH CENTER

49 Forest Road • Monroe, NY 10950 • **Tel.** 845.782.3242 • **Fax:** 845.783.7133

***Chairman***
Abraham Wieder

***Board of Directors***
Moses Goldstein
Martin Schlesinger
Israel Sofer
Chaim N. Werczberger
Chaim N. Weinstock
Pinchas Kish
Ronald J. Cohen
N. R. Weiss
E. Srugo
E. Rubinstein

***Executive Director***
Joel Mittelman

בס"ד

# בשורה טובה תדשן עצם

עס איז אונז א גרויס פארגעניגן צו מעלדן
אז מיר טוען צושטעלן פאר אלע אונזערע פאציענטן דעם גאר וויכטיגן

## סליידינג פי
## (Sliding Fee)
## פראגראם

צוגעשטעלט פאר אומשטענדן און/אדער פאציענטן וועלכע ווערן
נישט געדעקט דורך אינשורענס פאר סיי וועלכע סיבה, ווי למשל:

- **פראצעדורן וועלכע ווערן בכלל נישט באצאלט דורך אייער אינשורענס.**
- **בחורים, זומער איינוואוינער, אדער באזוכער פון אויסער די שטאט, וועלכע האבן נישט קיין היגע אינשורענס.**
- **איר טרעפט זיך פאר סיי וועלכע סיבה אן אינשורענס.**

מען קען אויסארבעטן מיט אונזער בילינג דעפארטמענט צו צאלן
ספעציעל ביליגע פרייזן, נאכ'ן צושטעלן די נויטיגע דאקומענטן,
און געוואנדן לויט די יערליכע פארדינסט אד"ג.

איינמאל מען שרייבט זיך איין אין דעם פראגראם, איז מען בארעכטיגט צו געניסן דערפון במשך דעם גאנצן יאר. מען דארף יעדעס יאר באנייען די אפליקאציע צו קענען געניסן פון אונזער פראגראם.

---

באזונדער איז איינגעשטעלט געווארן דער

## פראמפט פעי דיסקאונט
## (Prompt pay discount)
## פראגראם

פאר פאציענטן וועלכע זענען נישט בארעכטיגט צו די "סליידינג פי" פראגראם

אויב באצאלט מען די גאנצע קאסטן אויפ'ן פלאץ פאר סיי וועלכן
פראצעדור (מיט געציילטע אויסנאמען), באקומט מען א **30% דיסקאונט!**

פאר מער דעטאלן
איבערביידע פראגראמען
ביטע זיך פארבינדן
מיט אונזער בילינג
דעפארטמענט אויף
**845-782-3242 #8**

מיט דאנק
# הנהלת עזרת חולים

DESIGN & PRINT / 845.782.3382

KIRYAS JOEL UNION FREE SCHOOL DISTRICT
48 Bakertown Road Suite 401 • Monroe, NY 10950 • (845) 782-2300 / Fax (845) 782-4176
TRANSPORTATION DEPARTMENT

בס"ד

# ונשמרתם מאד לנפשותיכם

שטייענדיג אין די ווינטער חדשים ווען די סקול באסעס
קורסירן אין די גאסן ווען עס איז שוין טונקל

**טוען מיר מאקסימאל דערמאנען און איינשארפן
דעם גאנצן ציבור, מענער און פרויען, יונג און אלט**

# צו גיין מיט א רעפלעקטאר!

**ס'איז ממש סכנת נפשות עס צו פארנאכלעסיגן!**

אין די טונקלקייט פון די נאכט איז ממש
אוממעגליך צו באמערקן קינדער און אפילו ערוואקסענע
וואס גייען נישט מיט קיין ריפלעקטאר

**ספעציעלע בקשה צו די עלטערן:**

עס איז אייער פליכט און אחריות צו מאכן זיכער אז די קינדער
גייען אנגעטאן מיט רעפלעקטארס אויף זייערע מאנטלען.

וה' ישמור צאתינו ובואינו לחיים ולשלום

מיט דאנק

**די טראנספארטאציע דעפארטמענט**